STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09071

SEFER TEHILIM VE-SHIRE TSIYON BA-HARUZIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס פ ר ת ה ל י ם
ושירי ציון בחרוזים

THE PSALMS OF DAVID

IN RHYME

Volume II

TRANSLATED BY

REV. BENJAMIN JAFFE

NEW YORK

1944

ספר תהלים
ושירי ציון בחרוזים
אין גראמען

(תרגום חפשי)

אַ פרייע פּאָעטישע איבערזעצונג, לויט די מאָטיוון פון ספר תהלים

חלק ב

— מאת —

בן ציון יפה, ש״ץ

בדפוס האחים
שולזינגר

ניו-יאָרק
תש״ה

Copyright 1944 *by*
REV. BENJAMIN JAFFE

All rights reserved
כל הזכויות שמורות

בקשה

קיין מענטש זאָל ניט וואַגען איבערדרוקען די איבערזעצונג פון מיין „ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים" אָהן מיין ערלויבניש, — טיילווייז, אָדער אינגאַנצען. אויך איז ניט ערלויבט צו פּאַרפאַסען מוזיק אָהן מיין צושטימונג, ווייל ס'איז געגען געזעץ פון אונזער תורה און אונזער לאַנד.

דער פאַרפאַסער

A REQUEST

It is forbidden to reprint any part or the entire book of "Psalms of David" without the express permission from the author. It is also forbidden to compose any music for any one or all of its chapters.

THE AUTHOR

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
23 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. .Y
253

אינהאַלט:

בבא אליו נתן הנביא	15
למנצח משכיל לדוד	17
למנצח על מחלת	18
למנצח בנגינות משכיל לדוד	19
למנצח בנגינות משכיל לדוד	20
למנצח על יונת אלם רחוקים	22
למנצח אל תשחת לדוד מכתם	23
למנצח אל תשחת לדוד מכתם	24
למנצח אל תשחת לדוד מכתם	25
למנצח על שושן עדות	27
למנצח על נגינת לדוד	28
למנצח על ידותון מזמור לדוד	29
מזמור לדוד בהיותו במדבר יהודה	30
למנצח מזמור לדוד	31
למנצח מזמור לדוד שיר	32
למנצח שיר מזמור	33
למנצח בנגינות מזמור שיר	34
למנצח לדוד מזמור שיר	35
למנצח על שושנים לדוד	37
למנצח לדוד להזכיר	40
בך ה' חסיתי	41
אלקים משפטיך למלך תן	43
מזמור לאסף	45
משכיל לאסף	47
למנצח אל תשחת	49
למנצח בנגינות מזמור לאסף	50
למנצח על ידותון מזמור לדוד	51
משכיל לאסף	53

מזמור לאסף 57
למנצח על שושנים 58
למנצח על הגתית לאסף 60
מזמור לאסף 61
שיר מזמור לאסף 62
למנצח על הגתית 63
למנצח לבני קרח מזמור 64
תפלה לדוד 65
לבני קרח מזמור שיר 67
שיר מזמור לבני קרח 68
למנצח משכיל לאיתן האזרחי 70
תפלה למשה איש האלקים 73
ישב בסתר עליון 75
מזמור שיר ליום השבת 77
ד' מלך גאות לבש 78
אל נקמות ד' 79
לכו נרננה לד' 81
שירו לד' שיר חדש 82
ד' מלך תגל הארץ 83
שירו לד' שיר חדש 84
ד' מלך ירגזו עמים 85
מזמור לתודה 86

הקדמה

ענדליך האָב איך דערלעבט די צייט צו לאָזען דרוקען מיין צוויי־טען טייל פון דעם תהלים איבערזעצונג אין פּאָעזיע (גראַמען) פון קאַ־פּיטעל נ׳ ביז ק׳. ניט קוקענדיג, וואָס איצט צו דרוקען א ספר איז פאַר־בונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, צוליב דער אומגינסטיגער צייט, וועלכע ס׳הערשט ביי אונז אין לאַנד, די מלחמה פון איין זייט, פעליג אין ארבייטער, און דער יקרות אויף פּאַפּיר און אַנדערע מאַטעריאַלען, וועלכע מען באַנוצט צום דרוקען. דאָך מיט דער הילף פון מיינע חשוב׳ע סובסקרייבערס פון איין זייט, און די באַריהמטע דרוקעריי פון די שולזינגער ברידער, איז מיט גרוים מיה מיר געלינגען צו דרוקען איצט מיין צווייטען טייל פון תהלים אין פּאָעזיע.

גלייכצייטיג וויל איך בעטען אַנטשולדיגונג ביי מיינע חשוב׳ע סובסקרייבערס, וואָס זיי האָבען געוואַרט אזוי לאַנג פאַר׳ן ספר. ס׳איז ניט געוועזן מיין שולד, און ניט קיינעמס — די צייט האָט עס מיטגע־בראַכט דערצו. אָבער מיט ג־ט׳ס הילף וועל איך באַלד צוגרייטען צום דרוק דעם דריטען און לעצטען טייל פון דעם הייליגען תהלים.

איך וויל אויך באַמערקען צו מיינע סובסקרייבערס און קויפערס, אַז וואו זיי וועלען קומען צו אַ וואָרט פון אויבערשטען, איז לויט׳ן אי־דישען דין טאָר מען ניט אויסלייגען דעם נאָמען אינגאַנצען, נאָר ס׳דאַרף זיין אַזוי, אַז דער לעזער זאָל אליין פאַרשטעהן. צום ביישפּיל ג־ט. דער לעזער דאַרף פאַרשטעהן, אַז דאָס איז דער אויבערשטער. ג־ט זאָל טאָקע העלפען, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיגען ווי אַמגיכסטען, און אונזערע קינדער זאָלען אַהיימקומען געזונט און שטאַרק, ששון ושמחה ישיגו, ונסו יגון ואנחה. ס׳זאָל זיין דער אמת׳ער שלום אויף דער וועלט.

כברכת המחבר,

בן ציון יפה ש״ץ

שִׁיר הַכָּבוֹד לְעוֹשֵׂה הַחֲרוּזִים.

יְדִידִי עוֹשֵׂה הַחֲרוּזִים, לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת,
שְׂפָתְךָ כְּלַהֶבֶת־אֵשׁ, שְׂפַת־אֵם הַמְדַבֶּרֶת,
מַה נָּעִים תַּרְגּוּמְךָ, אוֹר חַיִּים בַּת־אֵל הוֹפִיעַ
עֲלֵי זְמִירוֹת מַלְכֵּנוּ, הֲלֹא לוֹ כָּל נֶפֶשׁ יִכָּנֵעַ.

כָּל פֹּעַל יָקָר בְּתַרְגּוּמְךָ, הֲלֹא זֹאת תַּחֲז עֵינֵינוּ,
עֵת יָחִישׁ, עֵת יִתְעוֹרֵר בּוֹ דָּוִד מַלְכֵּנוּ,
לֹא עָפָר וָאֵפֶר, לֹא אִישׁ קָרוּץ מֵחֹמֶר
רוּחוֹ יִתְרוֹמֵם, לְהַקְרִיב שִׁיר – יַבִּיעַ אֹמֶר.

הֶאָח; מַה נִּשְׂגָּב תַּרְגּוּמְךָ, יְדִידִי הַמְשׁוֹרֵר,
הֶאָח; שִׁירֵי נָעֳמְךָ, כָּל לֵב וָנֶפֶשׁ מְעוֹרֵר,
וְאֶל זִמְרַת שַׁדַּי, כְּבָר שָׁם תַּקְרִיב לְבָבְךָ
עַל רַעְיוֹנֵי יֹפִי, כִּי יָ פֶ ה שִׁמְךָ.

בּוֹ תִּשְׁכַּח עֹל סֵבֶל, אָז רוּחֲךָ יִתְרוֹמֵם,
וְלִשְׁמוֹעַ תְּפִלָּתְךָ, כָּל אִישׁ יֶחֱרַד מִשְׁתּוֹמֵם,
נַעֲלֶה גַּם נִשְׂגָּב, בִּזְמִירוֹת־אֵל בַּשָּׁמַיִם,
וּלְזַמֵּר מַשְׂכִּיל זְמִרוֹתֶיךָ, תַּאֲוָה לָעֵינַיִם.

קוֹלְךָ הַנָּעִים, בְּבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת תַּשְׁמִיעַ,
אָז כָּל שִׁירֵי תְּפִלּוֹתֶיךָ בַּחֲצוֹצְרָה תָּרִיעַ,
לַמּוֹעֲדִים וּרְגָלִים כְּזָמִיר רוּחֲךָ הוֹמִיָּה,
וּפַעַם דִּמְעוֹתֶיךָ נִגָּרוֹת, כְּאֵם רַחֲמָנִיָּה.

צֵא עַל־פְּנֵי תֵבֵל, צֵא תְּהִלִּים בַּחֲרוּזִים,
כְּשׁוֹשַׁנֵּי אָבִיב, שִׁירֵי קֹדֶשׁ כֻּלָּמוֹ אֲחוּזִים,
בֵּין אַנְשֵׁי הָרוּחַ, שָׁם אִם תֹּאחַז דַּרְכְּךָ
אָז יֵדְעוּ וְיָבִינוּ, אֶת רַבּוֹת פְּעוּלוֹתֶיךָ.

יְדִידוֹ מֵאָז וְעַד עוֹלָם

צְבִי הִירְשׁ בְּלוּמֶענְפֶעלְד.

וואָס הרב המפורסם ר׳ שמואל יאלאָוו פון סיראקיוז שרייבט
וועגען ספר תהלים איבערזעצונג:

בעזרת ד׳ יום ד׳, ט׳ כסלו תש״ג, פה סיראקיוז.

להוד כבוד ידידי ומחותני הנכבד הש״ץ המפורסם
ר׳ בן־ציון יפה, שלום לו, ולכל הנלוים אליו.
אחד״שה״ט כיאות.

קבלתי היום את ספרו „ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים״ ספר תהלים נעתק לאידיש, ורבות נהנתי כי נמצא אחד ממשפחתי שזכה ד׳ אותו בזכות גדול כזה להעתיק את שירי נעים זמירות ישראל להלשון שיבינו אותו כל קהל ישראל.

דבר טוב עשה כבודו בזה כי ספרו בעת שיצא מבית הדפוס שלם ויפה יקובל בכל בית ישראל. ויתענגו בו כל עמינו. וד׳ הטוב יהי׳ להשלים כל מזמרי דוד המלך ישראל, ועליך ועל כל דכוותך אומר יפה העתקת, ויפה מעשיך.

בכבוד ובידידות,

שמואל יאלאוו, רב דפה

תודה וברכה

לכבוד הרבני החכם הנכבד נעים זמירות בישראל מוה"ר בן־ציון יפה ש"ץ הי"ו,
שלום וברכה!

אייער „ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים" האָב איך געלייענט מיט אַ הייליגען פאַרגעניגען. איהר האָט געשאַפען אַ נייעם ליבענסווערטען מייסטער־ווערק אין אונזער הייליגער ליטעראַטור. איהר האָט דערהויבען אונזער אידישע שפּראַך צו אַ הויכער הייליגער מדרגה, איבערגעבענדיג אין איהר מאָטיוועז פון תהלים, וואָס איז אַזוי פאַרהייליגט ביי אונז אידען.

איך גלויב, אַז אַזאַ ספר ווי אייערער, רעוו. יפה, וועלכער איז געשריבען אין אַ קריסטאַל ריינעם אידיש, אין אַ שעהנער פּאָעטישער שפּראַך, אנשטאַט פּראָזא, און מיט זיין אינהאַלט אַזוי נאָהענט צום העברעאישען אָריגינאַל, וואָס ברייגנט ארויס די גאַנצע דערהויבענע שעהנקייט און צויבער פונ'ם תהלים אין זיין אָריגינעלער שפּראַך — איז דער ריכטיגער וועג וואָס אויף איהם וועלען אידען געהן צום תהלים אין העברעאיש, ווייל אין זייער באַגייסטערונג פאַר אייער איבערזעצונג, וועט זיי אָננעהמען א חשק זיך צו גרונטעווען אין תהלים אין דער אָריגינעלער שפּראַך, וואָס זיין פאַרפאַסער דוד המלך ע"ה האָט איהם געשריבען. איהר האָט אַלזאָ דעם זכות פון אַ מזכה את הרבים, וואָס אונזערע חז"ל זאָגען (אבות ה' כא): משה זכה וזכה את הרבים זכות הרבים תלוי בו.

איך ווינטש, אַז אייער געלונגענע אַרבייט זאָל אייך ברייגנען מזל ברכה אין דער זעלבער מאָס ווי איהר האָט הצלחה געהאַט אין אייער אַרבייט, וואָס איז אייך אַזוי שעהן געלונגען, און מיר זאָלען בקרוב זעהן די דערשיינונג אין דרוק דעם איבעריגען טייל פון אייער חשוב'ען ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים.

והנני אנא עבדא דקודשא בריך הוא בכל רגשי כבוד ויקר,

שמואל אפרים טיקטין

What RABBI ZVI H. LEDERBERG, of the Beth-Sholom Congregation of Bronx, N. Y., writes:

Dear Rev. Jaffe:

I beg to acknowledge the receipt of your book "THE PSALMS OF DAVID" in Rhyme, for which I thank you heartily, and beg you to accept the enclosed dollar bill as a minor token of my appreciation, since I am unable to repay you in full the value of your interpretation of the holy Psalms in a language understood by all and yet not lose the poetic soul-enhancement intended by the Psalmist.

I am sure that you will find many more and even greater sponsors and contributors to help you go on with your good work without undue strain upon your time and energies which should rather be devoted to the type of work as exemplified in the edition you sent me.

May God bless you.

Your friend,

ZVI H. LEDERBERG

What PROFESSOR ALBERT EINSTEIN of Princeton University writes:

June 2nd, 1943

Rev. Benjamin Jaffe
501 West 176th Street
New York City

My dear Rev. Jaffe:

I thank you very much for the kindness in sending me your translation of the PSALMS OF DAVID.

With best wishes,

Yours sincerely,

ALBERT EINSTEIN

What RABBI DR. ISRAEL LEVINTHAL, of the Brooklyn Jewish Center, writes:

January 25, 1943

My dear Rev. Jaffe:

I received your copy of THE PSALMS OF DAVID in Rhyme. I read it with great interest and I want to wish you success with it.

Those who read Yiddish will enjoy this translation in rhyme of the gems of our Psalms.

With all best wishes,

Very truly yours,

ISRAEL LEVINTHAL, *Rabbi*

בבא אליו נתן הנביא

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל נ״א)

באַגנאַדיג מיך, ג־ט, לויט נאָך דיין גוטסקייט נאָך,
מיינע פֿאַרברעכענס מעק אָפּ — אַראָפּ וועט פֿון מיר אַ יאָך;
וואַש מיך אויס פֿון מיין שולד און פֿעהלער,
פֿון מיינע זינד רייניג מיך וואָס שנעלער,
ווייל מיינע פֿאַרברעכענס איך אָנערקען,
און וויס, וואָס מיט מיר איז געשעהן.
געזינדיגט האָב איך נאָר פֿאַר דיר אליין,
געטאָן האָב איך זאַכען, וואָס זיינען ניט שעהן.
דערפֿאַר מיט דיין אויסרייד ביסטו, ג־ט, גערעכט,
געטאָן האָב איך געגען דיר רק שלעכט.
איך בין דאָך אָבער געבוירען אין זינד,
און מיט שוואַכקייטען ווי פֿון אַ קליין קינד.
דעם אמת פֿון די נירען טוהסטו ווילען,
פֿון דיין חכמה און מוסר טהו איך אָנקווועלען.
באַשפּריץ מיך מיט אַן אזוב, וועל איך ווערען ריין,
פֿון מיינע זינד וואַש מיך אָפּ — וועל איך אויסזעהן שעהן.
צופֿרידענהייט און פֿרייד מאַך מיר, ג־ט, הערען,
וועלען מיינע צובראָכענע ביינער אויסגעגליכען ווערען.
דיין פּנים פֿון מיינע פֿעהלערען פֿאַרבאָרג,
מעק אויס מיינע זינד — אַראָפּ וועט פֿון מיר דער זאָרג.

אַ ריינע האַרץ באַשאַף, ג־ט, אין מיר,
און אַ ריכטיגען גייסט, צו קענען עהרליך דינען דיר.
וואַרף מיר ניט, אָ, ג־ט! פון דיר אָפּ,
גיב אריין ריינע געדאַנקען אין מיין קאָפּ.
דיין הילף קעהר אום, — אויך דיין פרייד,
מיט דיין אונטערשטיצונג וועל איך פאַרגעסען אלע לייד.
פאַרברעכער וועל איך לערנען אַלע דיינע וועגען,
און זינדיגע — וואָס מ׳טאָר ניט, און וואָס זיי מעגען.
אָ, האַר! מיינע ליפּען עפען אויף,
דאַנקען וועט דיר מיין מויל דארויף.
דו ווילסט דאָך ניט קרבנות מ׳זאָל דיר געבען,
קיין עולות איז ניט דיין פאַרלאַנג, דיין שטרעבען.
ג־ט אפּפערס איז אַ גייסט וועלכער איז צובראָכען,
און אַ דערשלאָגענע האַרץ וועלכע איז צושטאָכען.
בוי אויף ציון, — די מויערען פון ירושלים שטעל אויף,
וועט מען קוקען צו אונז פון אונטען ארויף.
באַגערען וועסטו דאַן קרבנות פון גערעכטיגקייט,
די וועלט וועט איינזעהן ווי גרויס איז דיין מעכטיגקייט.

למנצח משכיל לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ב)

וואָס באַריהמסטו זיך נאָך מיט דיין שלעכטס,
וועלכע דו טהוסט אָפּ לינקס און רעכטס ?
דיין צונג טראַכט נאָר פון פאַרברעכען,
געשליפען ווי אַ ראַזיר־מעסער, נאָר יענעם צושטעכען.
האָסט ליב טאָן שלעכטס בעסער פון גוטס,
ווייל דאָס דענקסטו וועט דיר ברייינגען מעהר נוץ.
האָסט אויך ליב פאַרדערבליכע רייד,
ס׳זאָל ברייינגען יענעם צרות און לייד.
ג־ט וועט דיר דערפאַר צושמעטערען,
ווייל אויף גלייכע וועגט טהוסטו קלעטערען.
ארויסרייסען וועט ער דיר פון דיין וואוין־אָרט,
אויסוואָרצלען פון דעם לאַנד, וואו געוועהן ביסט דאָרט.
צדיקים וועלען עס זעהן, — אויף איהם לאַכען,
און אויף די ענד וועלען זיי גוט מאַכען.
אָט איז דער מאַן — וועלען זיי זאָגען,
וואָס וועט זיין לעבען באַדויערען, אייביג וועט ער קלאָגען.
ווייל אויף זיין גרויס פאַרמעגען פאַרזיכערט האָט ער זיך,
געשטאָלצירט מיט זיינע מעשים. — אומברייינגען מיך גיך.
און איך ווי אַ אלבערט־בוים אין דעם הויז פון ג־ט,
פאַרלאָז זיך אויף איהם, וועלכער חסד געטאָן האָט.
וואָס דו האָסט געטאָן, — באַדאַנקען וועל איך דיר,
און האָפען צו דיין נאָמען, — דאָס איז גוט פאַר מיר.

למנצח על מחלת

(אויפֿין מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל נ"ג)

דער אומווירדיגער מענש טוהט זאָגען:
קיין ג-ט איז ניטאָ, מ'וועט אונז פלאָגען.
ניטאָ וועלכער זאָל טאָן גוטעס אפילו איינער,
אויסגעלייגט איז מיין וועג מיט שאַרפע שטיינער.
ג-ט אָבער פון הימעל בליקט אַראָפּ,
זעהן, אויב ס'איז דאָ אַ פאַרשטענדיגער מיט א קאָפּ?
יעדערער האָט זיך אָפּגעקעהרט פאַרשמוצט צוזאַמען,
ג-ט וועט זיי דערפאַר פאַראַכטען און פאַרדאַמען.
ווייסען דען ניט די פאַרצערער פון מיין פאָלק,
אַז די הילף איז נאָהענט — מיר וועלען קומען צו אַ טאָלק?
דאָרט, וואו מיר האָבען געכאַפּט אַ ציטער,
איז גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט און ביטער.
ווייל ג-ט האָט אויסגעשפּרייט די ביינער פון די באַלאַגערער,
זייערע קערפּערס וועלען ווערען דאַרער און מאָגערער.
אָ! וואָלט שוין פון ציון די ישועה געקומען,
יעקב וואָלט זיך געפרעהט, — די שונאים וואָלטען שטומען!

למנצח בנגינות משכיל לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ד)

אָ, ג־ט, מיט דיין נאָמען מיך העלף,
מיינע שונאים ווילען מיך פאַרצוקען ווי וועלף.
מיט דיין גבורה און מאַכט פאַרטיידיג מיך,
און ברייננג פאַר מיר די ישועה גיך.
הער מיין געבעט, פאַרנעם די רייד פון מיין מויל,
אויף שלעכטס טאָהן זיינען זיי ניט פויל.
גרויזאַמע האָבען געזוכט מיין לעבען,
זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, — פאַלש איז זייער שטרעבען.
די בייז צו מיינע לויערער וועט ער צוריקקערען,
די מחשבות זייערע, — פאַרניכטען, צושטערען.
פרייוויליג וועל איך אָפּפערען אויף דיין מזבח,
וועל לויבען ג־טס נאָמען מיט מיין פולען כח.
גערעטעט האָט ער מיך פון אַלע ליידען,
מיין שיקזאַל צו גוטען וועט ווערען באשיידען.

למנצח בנגינות משכיל לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ה)

דערהער, ג־ט, מיין תפלה, פון מיין געבעט זיך ניט פאַרבאָרג,
ווייל דאָס מאַכט מיר צו דאגה און זאָרג ;
זיי צו מיר אויפמערקזאַם, און ענטפער מיר, —
פון פיינטס אונטערדריקונג שריי איך צו דיר ;
אומרעכט אויף מיר טהוען זיי ווארפען,
זייער צאָרן ווי שפּיזען — שלייפען זיי שארפען ;
מיין האַרץ אין מיר ווערט פאַרציטערט,
אַ טויט־שרעק באַפאַלט מיך, מיין לעבען עס פאַרביטערט ;
וואָלט איך געהאַט פליגלען ווי אַ טויב,
וואָלט איך געפלויגען, — זיך געגעבען אַ הויב ;
איך וואָלט פאר זיך שנעל א רעטונג געפונען,
פונ׳ם גרויסען שטורם־ווינט איך וואָלט אַנטרונען.
אָ, ג־ט ! פאַרדאַרב זיי׳ — זייער צונג צושפּאַלט,
געזעהן האָב איך אין שטאָדט רויב, — ס׳איז אַ געוואַלד ;
טאָג און נאַכט רינגלען זיי אַרום איהרע מויערען,
אומרעכט ליגט ביי זייער טיר און טויערען ;
וואָרום ניט מיינס א פיינד געזידעלט האָט מיך,
און ניט מיינס א שונא געגרויסט האָט זיך ;
נאָר דו, אַ מאַן פון מיין גלייכען — אַ פריינד,
שוין ניט פון נעכטען, און ניט פון היינט ;
צוזאַמען זיסע געשפּרעכען האָבען מיר געפיהרט,
איינע אָהן די אַנדערע זיך ניט געריהרט ;
אין ג־טס הויז צוזאמען געגאַנגען,
און דער נפש אין זיין נעץ מיך געוואָלט האָט פאַנגען ;

אָנרייצען דעם טויט זאָל ג־ט אויף זיי,
פאַר׳ן פאַרשאַפען מיך יסורים און וועה;
לעבעדיגערהייט זאָלען זיי אריין אין גרוב,
און בלייבען דאָרט אין דער פינסטערער שטוב;
איך וועל רופען צו ג־ט, — העלפען וועט ער מיך,
צו יעדער צייט מיין ישועה וועט ער ברייגגען גיך;
וועל איך קלאָגען און יאָמערען — וועט ער דערהערען,
און דעם שונא׳ס פלענער וועלען צושטערט ווערען;
אין פריידען מיין קערפער געטאָן האָט ער אויסלייזען,
פון דעם שונא׳ס בליקען — דעם שאַרפען, דעם בייזען;
כאָטש גרויס קעגען מיר זיינען זיי אין צאָהל,
אומברייגגען וועט ער זיי אַלע מיטאַמאָל;
דיין לאַסט אויף ג־ט וואַרף ארויף,
ער וועט דיך שפייזען, אין דיין הויז, אין הויף;
דעם צדיק וועט ער קיינמאָל ניט לאָזען פאַלען,
און די זון וועט פאַר איהם שטענדיג שטראַלען;
אָבער די בלוט־שולדיגע און פאַלשע מענשען —
וועט זיי זיכער ג־ט ניט בענשען;
אַ העלפט פון זייערע טעג זאָלען זיי ניט דערלעבען,
ווייל רק שלעכטס טאָהן — איז זייער שטרעבען.

למנצח על יונת אלם רחוקים

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ו)

א, גאָט! באַגנאַדיג מיך,
מענשען ווילען מיר איינשלינגען גיך.
אַ גאַנצען טאָג ווילען זיי נאָר באַדריקען,
שלינגען מיך איין מיט זייערע בליקען.
נאָר אין דעם טאָג וואָס איך האָב מורא,
שטאַרקט מיך מיין בטחון אין דיר און דיין תורה.
ווייל וואָס קען אַ מענש מיך טאָן,
ווען דו באשיצסט מיך פון אויבען אָן?
אַ גאַנצען טאָג פאַראומערען זיי מיינע רייד,
זייערע אַלע געדאַנקען ברייינגען נאָר לייד.
זיי זאַמלען זיך אָן, שפּיאָנירען מיינע טריט,
זיי קוקען נאָר ארויס אויף מיין שווערען געמיט.
פאַר זייער אומרעכט אַנטרינונג זאָלען זיי האָבען?
און מיר לעבעדיגערהייט ווען באַגראָבען?
נעהם אריין אין לאָגעל מיין טרער,
זיין זאָל עס אין דיין שריפט, — מיין לעבען איז שווער.
דאַן ווען מיינע פיינט אהינטער זיך אומקערען,
און מיין לעבען ניט קענען צושטערען.
אז ג-ט איז מיט מיר דורכדעם וועל איך וויסען,
מיט זיין וואָרט שטאָלציר איך, — פון זיין גוטעס געניסען.
איך בין פאַרזיכערט אין איהם, — האָב קיין מורא,
וואָס קען מיר א מענש טאָהן, ווען איך לערען זיין תורה?
כ'וועל דיר אָפּצאָהלען, ג-ט, מיט פיעל דאַנקען,
ווייל געראַטעט האָסטו מיין נפש דעם קראַנקען.
כ'זאָל ארומגעהן פאַר ג-ט אין ליכט פון לעבען,
צו טאָן נאָר גוטעס — אָט דאָס איז מיין שטרעבען.

למנצח אל תשחת לדוד מכתם

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל נ״ז)

באַגנאַדיג מיך, אָ, ג־ט! באַגנאַדיג מיר,
מיין נפש באַשיצט זיך אין דיר.
אינ׳ם שאָטען פֿון דיינע פֿליגלען לאָמיך באַשיצען,
אין אַלע מיינע געפֿאַהרען, — אין קעלט און אין היצען.
זיין הילף פֿון הימעל וועט ער שיקען,
פֿאַרניכטען מיינע איינשלינגער, און זיי צודריקען.
מיין נפש איז צווישען לייבען,
ג־ט וועט מיך באשיצען און דערהויבען.
זייערע ציינער זיינען ווי שפּיזען און פֿיילען,
זייער צונג ווי אַ שאַרפֿע שווערד, — טויטען מיך אײלען.
אַ נעץ האָבען זיי צוגעגרייט פֿאַר מיינע טריט,
זיי קוקען מיר נאָך אויף יעדען שריט.
געגראָבען האָבען זיי פֿאַר מיר אַ גרוב,
און אליין אריינגעפֿאַלען אין דער פֿינסטערער שטוב.
מיין האַרץ איז ניט דערשראָקען, אָ, ג־ט,
זינגען וועל איך, — ווּעסט מיר ניט מאַכען צו שפּאָט.
דערוועק זיך האַרץ און גיטאַר,
ווייל איך בין שוין אויסער געפֿאַהר.
צווישען פֿעלקער דאַנקען וועל איך דיר,
צווישען נאַציאָנען זינגען פֿאַר דיר אַ שיר.

למנצח אל תשחת לדוד מכתם

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ח)

אָ, ריכטער! טהוט איהר דען מיט גערעכטיגקייט האַנדלען?
און דאָס געריכט־הויז אין יושר פאַרוואַנדלען?
זאָגאַר אין האַרצען טראַכט איהר פון פאַרברעכען,
אין לאַנד מאַכט איהר יענעם צו רויבען, יענעם צו שטעכען.
פון אַ שלאַנגען גיפט איז זייער געשטאַלט,
צו דעם אמת׳ן מענשען, — תם־עוואַטע, קאַלט.
ג־ט, די ציינער פון זייער מויל זעה צושמעטער,
טהו עס באַלד, — וואַרט ניט אויף שפּעטער.
צורינען זאָלען זיי ווי אַ וואַסער ווערען,
קיין תקומה האָבען — וואו זיי וועלען זיך קערען.
אַזוי ווי אַ שנעק וואָס ארומקריכענדיג צורינט,
זאָלען אָט די רשעים אראָפּ פון מאַרק געשווינדט.
פרעהען זיך וועט דער צדיק ווען ער וועט זעהן,
וואַשען די טריט אין בלוט פון רשע, — דאָס וועט געשעהן.
דאַן וועט דער מענש קענען זאָגען,
ס׳איז דאָ אַ ג־ט — ער וועט אונז ניט לאָזען פּלאָגען.

למנצח אל תשחת לדוד מכתם

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ״ט)

פון מיינע פיינט, ג־ט, ראַטעווע מיך,
וועלכע שטעלען זיך אַנטקעגען מיר, — באַשיץ גיך.
ראַטעווע מיך פון אומרעכט און געפאַהר,
פון בלוטדורשטיגע מענשען און בייזען גזר.
ווייל אויף מיין נפש לויערען זיי,
קלייבען זיך ארום מיר צו טהאָן וועה.
אויף מיר, אומשולדיגען, לויפען זיי אָן,
מיין לעבען איז איינגעשטעלט אין גרויסען קאָן.
זעה, ג־ט, פון מיינעטוועגען זיך דערוועק,
ווייל איך לעב איבער גרויס מורא און שרעק.
דערוועק זיך אַלע פעלקער צו באַשטראָפען,
ווייל צו דיר, ג־ט, טהו איך נאָר האָפען.
מיינע שונאים אין אָווענט טהוען זיך צוריקקעהרען,
וואָיען ווי הינט, — מיין שלאָף צעשטערען.
זיי דרעהען זיך אַרום מיר, רינגלען ארום די שטאָדט,
און מאַכען פון מיר אַש און שפּאָט.
דו אָבער ג־ט, טהוסט פון זיי לאַכען,
אַלע דיינע אָפּלאַכער וועסטו וויסט מאַכען.
אויף דיין קראַפט טהו איך מיר פאַרלאָזען,
ג־ט איז מיין פעסטונג, — וועט מיך פאַלען ניט לאָזען.
מיין גנעדיגער ג־ט אַנטקעגען מיר וועט קומען,
וועט צייגען נקמה, — מיינע לויערער וועלען שטומען.
טרייסעל זיי אויף מיט דיין מאַכט, וואַרף זיי ארונטער,
ג־ט אונזער באַשיצער, — מאַך אונז פרעהליך, מונטער.

פאַר די זינד פון זייער מויל און זייערע רייד,
באַצווינג זייער גרויסקייט, ווייל זיי ברײינגען לייד.
פאַר די שבועות און ליגענס וואָס זיי דערצעהלען,
קענסטו, אָ, ג־ט, אונזערע וואונדען נאָר היילען.
פאַרלענד זיי אין צאָרן, פאַרלענד זיי אינגאַנצען,
וועלען מיר אויף זייער בראָך קענען א רקוד׳ל טאַנצען.
און ווען אין אָוונט זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק,
בילען ווי אַ הונט, וועלכער איז אָנגעטשעפעט אויף אַ שטריק.
שפייז צו זוכען וועלען זיי וואַנדערען,
וואָיען ווי הינט איינער אויף דעם אַנדערען.
אָבער איך וועל דיין קראַפט באַזינגען,
דיין גוטסקייט אויסשפילען, — וועלען אַזש קלינגען.
ווייל געווען ביזטו אַ פעסטונג פאַר מיר,
אינ׳ם טאָג פון מיין נויט, בעט איך ביי דיר.

למנצח על שושן עדות

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס׳)

ג־ט, דו האָסט אונז צובראָכען און פאַרלאָזען,
אונזערע פּנים׳ער זיינען ווי גרינע גראָזען.
האָסט אויפגעטרייסעלט און צושפּאָלטען די ערד,
הייל אונזער בראָך, — היט אונז פון שונא׳ס שווערד.
אַ פאָן צו דיינע פאָרכטיגע האָסטו געגעבען,
פלאַטערען זאָל זי, — א סמן פאר אונזער זיג און לעבען.
כדי דיינע פריינד זאָלען דערלייזט ווערען,
העלף מיט דיין רעכטער האַנט, וואו מיר זיך קעהרען.
גערעדט האָט ג־ט פון זיין הייליגען אָרט,
כ׳וועל צוטיילען שכם, — וועט אונז ברייגגען דאָרט.
און דעם סוכות טאָל וועט ער אויסמעסטען,
גלעד, מנשה, אפרים, וועלען דאָרט בויען זייערע נעסטען.
מואב, איז מיין וואַש טאָפּ,
אויף אדום וואַרפען מיין שוך אין קאָפּ.
איבער פלשת מיין זיג וועל איך אויסשאַלען,
ווען אונזערע שונאים וועלען דאָרט פאַלען,
ווער וועט מיך פיהרען צו דער באַפעסטיגטער שטאָדט?
און ביז אדום בריינגען, — כ׳זאָל ניט ווערען צו שפּאָט?
נאָר דו ג־ט, וועלכער האָסט אונז פאַרלאָזען,
אין אונזערע ארמייען דער שופר פון פרייהייט זאָל בלאָזען.
מיט ג־ט קענען מיר אָנהאַלטען מאַכט,
נאָר מיט איהם קענען מיר געווינען די שלאַכט.

למנצח על נגינת לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״א)

ד'ערהער, ג־ט, מיין יאָמער — מיין געבעט פאַרנעם,
מיינע שונאים טהוען מיר אָן ליידען און קלעם.
פון עק לאַנד רוף איך, אָ, ג־ט, צו דיר,
ווען מיין האַרץ ווערט פאַרבענקט, דערנעהטער זיך צו מיר.
אויפ'ן פעלז וואָס איז צו הויך, פיהר מיך ארויף,
אַ באַשיצונג פאַר מיר, ווען פון די שונאים איך אַנטלויף.
אויף אייביג וועל איך וואוינען אין דיין געצעלט,
באַשיצען זיך אונטער דיינע פליגלען אויף דער וועלט.
צו מיינע נדרים האָסטו ג־ט געהערט,
דיין ירושה געגעבען, וועלכע האָבען עס די ווערטה.
טעג דעם קעניג זאָלסטו צוגעבען,
זיינע יאָהרען פאַרלענגערען מיט געזונט און לעבען.
זיצען זאָל ער אייביג פאַר ג־ט אויפ'ן טראָן,
קיינער קיין שלעכטס זאָל איהם ניט טהאָן.
דיין נאָמען אויף אייביג באַזינגען וועל איך,
צו באַצאָהלען מיינע נדרים טעגליך, גיך.

למנצח על ידותון מזמור לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ב)

נאָר אויף ג־ט וואַרט רוהיג מיין זעל,
ווען פון איהם איז מיין הילף, — דאַן איך קוועל.
מיין פעלז און מיין הילף בלויז איז ער,
כ׳וועל ניט אומפאַלען, — ווען צו איהם זיך קעהר.
ביז וואַנען וועט איהר אָנפאַלען, מערדערען מענשען ?
וואָס מיט׳ן מויל כלומרשט טהוען זיי בענשען.
אָבער אינערליך שילטען טהוען זיי,
מיט זייער פאַלשקייט, — פאַרשאַפען לייד און וועה.
אָבער צו ג־ט נאָר איך האָף,
צו איהם איז מיין האָפענונג, — זעהן זייער שטראָף.
פאַרזיכערט זיך אויף איהם אין יעדער צייט,
גיסט אויס אייער האַרץ פאַר איהם, — די ישועה איז ניט ווייט.
נאַריש זיינען די פראָסטע מענשען,
ליגנערס זיינען אויך די פראָמינענטע מענשען.
ווען אויף אַ וואָגשאָל מ׳נעמט זיי אַלע צוזאַמען,
האָבען זיי קיין געוויכט, — מ׳מוז זיי פאַרדאַמען.
פאַרזיכערט זיך ניט אויף אָנגערויבט גוטס,
ווייל מ׳האָט פון גזלה קיין הנאה, קיין נוץ.
ווען פאַרמעגען צובליהט זיך, ניט אַרען אייך זאָל,
ווייל אַזאַ פאַרמעגען ווערט צורונען מיטאַמאָל.
נאָר ביי ג־ט ליגט די מאַכט,
יעדערער נעהמט עס אין אָנבאַטראַכט.

מזמור לדוד בהיותו במדבר יהודה

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ג)

ג־ט! דו ביסט מיין קראַפט, — איך זוך דיך,
ס׳דורשט מיין נשמה נאָך דיין הילף גיך.
וואָרום דיין חסד איז בעסער פון לעבען,
צו ליבען דיך, — אָט דאָס איז מיין שטרעבען.
אזוי אין מיין לעבען וועל איך דיר בענשען,
אַזוי דאַרפען נאָכטאָן אַלע עהרליכע מענשען.
ווי מיט פעטע שפייז ווערט געזעטיגט מיין זעל,
אַזוי, ווען מיין מויל זינגט צו דיר, דאַן איך קוועל.
ווען אויף מיין געלעגער אָן דיר זיך דערמאָהן,
און אינמיטען נאַכט טראַכט איך וואָס דו האָסט אויפגעטאָן.
זעה איך אַז שטענדיג ביזטו מיין הילף, אָ, ג־ט!
באַשיצען זיך אונטער דיינע פליגלען, — מיר ניט מאַכען צו שפּאָט.
און זיי, צום אומגליק, וועלכע זוכען מיין לעבען,
זאָלען קיין נקמה פון מיר ניט דערלעבען.
צערונען זאָלען זיי ווערען דורכ׳ן שווערד,
און אריין אין די טיפענישען פון דער ערד.
באַריהמען וועט זיך דער וואָס ביי ג־ט טהוט שווערען,
ער וועט זיי אויסהיטען, וואו זיי וועלען זיך קעהרען.

למנצח מזמור לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ד)

מיין שטימע און יאָמער, אָ, ג־ט, דערהער,
מיין לעבען פאַר׳ן שונא פארהיט מיך, וואו איך זיך קעהר.
פון פאַרברעכערישער געזעלשאַפט פאַרבאָרג מיך,
און די אומרעכט טהוער, וועלכע ווילען אומברייינגען גיך.
אָנגעשאַרפט איז זייער צונג ווי אַ שווערד,
מיך אוועקצולייגען אַ טויטען אויף דער ערד.
דעם אומשולדיגען אין פאַרבאָרגעניש זיי שיסען,
זיי האָבען קיין מורא, זיי האָבען קיין געוויסען.
זיי האַלטען זיך פעסט ביי דעם שלעכטען וואָרט,
ווי אָנצושטעלען נעצען גלייך אויף אַן אָרט.
ווער קען זיי באַמערקען ? — טהוען זיי זאָגען,
זיי זוכען עוולות אונטער דער ערד, אַבי צו פּלאָגען.
נאָר ג־ט וועט אין זיי אריינשיסען אַ פייל,
אַ קלאַפּ, וואָס מ׳וועט הערען פאַר הונדערטער מייל.
אַ ציטער וועט אָנכאַפּען די וועלכע זיי זעהען,
און מוזען מודה זיין, אז פון ג־ט איז עס געווען.
דאן וועט דער צדיק זיך פרייען מיט ג־ט,
וועלכער די וואונדער אויפגעטאָן האָט.

למנצח מזמור לדוד שיר

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ה)

פאַר דיר, ג־ט, וואַרט אין ציון אַ לויב געזאַנג,
צו דיר וועט דער נדר באַצאָהלט ווערען מיט דאַנק.
צו דיר, וועלכער תפלה טהוסט פאַרנעהמען,
דיינע באַשעפענישען וועסטו ניט פאַרשעהמען.
ווען אפילו ס׳שטייגען אריבער מיינע זינד,
וועסטו דאָך מיך ריינוואַשען, אָהן עברות ווי אַ קינד.
וואויל איז דעם, וואָס דו דערוועהלסט אויס,
און דערנעהנטערסט איהם צו דיין הייליג הויז.
וואונדערליך האָסטו געענטפערט אין דיין גערעכטיגקייט,
— געוויזען אונזער הילף מיט דיין מעכטיגקייט.
געגרינדעט בערג מיט זיין כח ער האָט,
פאַרגאַרטעלט מיט גבורה איז דער אייביגער ג־ט.
ער באַרוהיגט דעם גערויש פון די ים׳ען,
דעם גערויש פון זייערע כוואַליעס טהוט ער פאַרצאמען.
די ערד האָסטו אָנגעטרונקען און דערמאָהנט,
איהר רייכקייט מ׳האָט געזעהן, און באַלד דערקאָנט.
מיט שפריירעגען מאַכסטו איהר ווייך,
איהר שפּראָצונג בענשסטו, ס׳זאָל וואַקסען הויך.
באַקרוינסט דעם יאָהר מיט אַלדאָס גוטס,
ער זאָל ברייגען פאַר אונז גרויס נוץ.

למנצח שיר מזמור

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ו)

שאַלט צו ג־ט, איהר לענדער אַלע,
באַזינגט זיין כבוד — פרעגט קיין שאלה.
ווי מורא׳דיג איז דיין אויפטהו, זאָגט צו ג־ט,
זיין שטאַרקייט געווירקט אויף זיינע שונאים האָט.
די גאַנצע וועלט וועט זיך בוקען פאַר דיר,
און לויבען דיין נאָמען צוזאַמען מיט מיר.
געהט זעהט וואָס ג־ט האָט געטאָן,
זיין האַנדלונג קעגען מענשען — נאָר ער אַזוי קאָן.
דעם ים האָט ער טרוקען געמאַכט׳
דעם טייך צו אַזאַ שטופּע אויך געבראַכט.
אויף פעלקער גיבען אַכטונג זיינע אויגען,
זאָלען ניט טאָהן זאַכען וואָס ניט טויגען.
דערהאַלטען האָט ער אונזער נפש ביים לעבען,
ניט דערלאָזען אונז פאַלען, — צום שונא געבען.
וואָרום געפּרואווט האָט ער אונז, ג־ט,
געלייטערט, ווי מען לייטערט זילבער ער האָט.
אין פייער און וואַסער זיינען מיר געגאַנגען,
און ניט דערלאָזען צו ווערען פון אונזער שונא געפאַנגען.
כ׳וועל אין דיין הויז די נדרים באַצאָהלען גיך,
מיינע ליפען וואָס האָבען צוגעזאָגט צו דיך.
ווען איך וואָלט אַ זינד אין מיין האַרץ געשפּירט,
וואָלט ג־ט צו מיין געבעט זיך ניט צוגעהערט — געריהרט.
אָבער ער האָט מיין תפלה יאָ געהערט,
מסתמא בין איך עס געווען ווערטה.

למנצח בנגינות מזמור שיר

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ז)

ג־ט זאָל אונז באַגנאַדיגען און בענשען,
מיר זאָלען האָבען אַ פּנים, — אַנערקענט פאַר מענשען.
ער זאָל דערלויכטען קעגען אונז זיין געזיכט,
מיר אידען זאָלען שיינען ווי דאָס זונען ליכט.
באַקאַנט זאָל ווערען אויף דער ערד דיין וועג,
וועלען אַלע וויסען צו טהאָן וואָס מען מעג.
פעלקער וועלען דיך, ג־ט, לויבען,
אַלע נאַציאָנען וועלען אין דיר גלויבען.
פרעהען וועלען זיך פעלקער און זינגען,
ווען דו וועסט ריכטען מיט יושר, דאָס מוז אָפּקלינגען.
די ערד האָט איהר פרוכט געגעבען,
פאַר אלע מענשען הנאה האָבען אין לעבען.
ג־ט וועט אונז מיט אַלדאָס גוטס בענשען,
פאַר איהם וועלען מורא האָבען אַלע מענשען.

למנצח לדוד מזמור שיר

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ח)

אויפשטעהן וועט ג־ט, זיינע פיינט וועלען זיך צושפרייטען,
אַנטלויפען וועלען די, — וועלכע זוכען מיך צו טויטען.
אַזוי ווי רויך פאַר׳ן ווינט ווערט צושלאָגען,
אַזוי וועט זיי ג־ט אַלעמען פאַריאָגען.
ווי וואַקס אין פייער צושמאָלצען ווערט,
אַזוי וועלען די רשעים פאַרשווינדען, — זיי האָבען קיין ווערטה.
אָבער די צדיקים וועלען זיך פרעהען,
וואו זיי געהען און וואו זיי שטעהען.
שפּילט פאַר זיין נאָמען, צו דעם אייביגען זינגט,
מאַכט אַ וועג פאַר׳ן רייטער, — ווי גלעקער קלינגט.
אַ פאָטער צו יתומים, אַ ריכטער צו אלמנות,
אויף אַזוינע מענשען לעגט ג־ט גרויס רחמנות.
די איינזאַמע אין הייזער באַזעצט ער,
די געפאַנגענע אין קייטען, — איז איהם אויך ניט שווער.
ג־ט ! ווען דו ביסט ארויסגעטראָטען פאַר דיין פאָלק,
געטראָטען אין דער מדבר, — אונז ברייגנען צו אַ טאָלק.
האָט דאַן זיך געטרייסעלט די ערד,
געציטערט האָבען די חיות, בהמות און פערד.
דאָס איז פאַר ג־ט אונזער האַר,
וועלכער וועט אונז ניט לאָזען צו געפאהר.
ג־ט טראָגט ארויס אַ באַפעהל,
די אָנזאָגערינס — וועגען אַ ארמיי שנעל.
קעניגען פון ארמייען אַנטלויפען, אַנטלויפען,
באַהאַלטען זיך אין זייערע הייזער און הויפען.

פאַרוואָס קוקט איהר בערג מיט קנאה ?
אויף ג־טס באַרג מיט פאַראכטונג און שנאה ?
אייביג וועט רוהען דאָ ג־ט,
ווייל אַלץ אונטער זיין ממשלה ער האָט.
געלויבט זאָל ער זיין, ער טראָגט אונזער לאַסט,
ער איז אונזער רעטער, — רשעים ער האַסט.
די קעפּ פון זיינע פיינד וועט ער פאַרוואונדען,
וועלכע באַגעהען פאַרברעכענס וועלען ווערען פאַרשוואונדען.
פון בשן זאָגט ג־ט, וועל איך ברײנגען צוריק,
פון די טיפענישען פון ים, — ארויפציהען מיט אַ שטריק.
געזעהן האָבען זיי, ג־ט, דיינע גאַנגען,
דערפיהט באַלד די הייליגע קלאַנגען.
בענשט ג־ט מיט אַ גרויסען קאהר,
איהר וועלכע שטאַמט פון קוואל ישראל נאר.
די וועלכע פאַרלאַנגען מלחמות — צושפּרייט,
וואַרף אָן אויף זיי אַ שרעק, אַ טויט.

למנצח על שושנים לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ס״ט)

העלף מיך, ג־ט, — דאָס וואַסער ביז׳ן נפש דערגאַנגען,
אין אַ זומפּיגער טיפעניש בין איך געפאַנגען.
כ׳בין אריין אין די וואַסערען טיף, טיף,
דער שטראָם קען מיך אַוועקטראָגען ווי אַ שיף.
כ׳בין מיד פון שרייען, מיין האַלדז איז טרוקען,
פון שוואַכקייט טהו איך זיך בויגען, — בוקען.
מעהר וויפיל האָר אויף מיין אויסגעדאגה׳טען קאָפּ,
אַזוי פיל אומזיסטיגע פיינד איך פאַרמאָג.
מיינע פאַרטיליגער זיינען זעהר שטאַרק,
רויב אויף מיר אויסטראַכטען פאַר אַלעמען אין מאַרק.
אָ, ג־ט! מיין נאַרישקייט דו ווייסט,
מיינע שולדען זיינען ניט פאַרבאָרגען, — כ׳דאַרף דיין טרייסט.
זאָלען פאַרשעהמטע ניט בלייבען דורך מיר,
די יעניגע וועלכע טהוען האָפען צו דיר.
פרעמד צו מיינע ברידער בין איך געוואָרען,
אומבאַקאַנט צו די זיהן פון מיין מוטער, וועלכע האָט מיך געבאָרען.
האָב איך אנשטאַט מיין בגד, אָנגעטאָן אַ זאַק־קלייד,
באַרעדט האָבען זיי מיך, צו פאַרשאַפען יסורים, לייד.
ס׳רעדען וועגען מיר די זיצער ביים טויער,
אַ געזאַנג בין איך ביי יעדען שכור, יעדען פויער.
אָבער איך — מיין געבעט, אָ, ג־ט, איז צו דיר,
אין אַ צייט פון באַוויליגונג ענטפער מיר.
ראַטעווע מיך פון זומפּ, ניט דערטרונקען צו ווערען,

שונאים ווילען מיך כאַפּען, וואו איך טהו זיך קעהרען.
דער וואַסער שטראָם ניט פאַרפלייצען זאָל מיך,
די טיפעניש זאָל ניט קענען איינשלינגען מיר גיך.
ענטפער מיר, אָ, ג־ט, — דיין חסד איז גוט,
קעהר זיך צו מיר, — דאָס גיט מיך קוראַזש און מוטה.
דיין פנים פון דיין קנעכט זאָלסטו ניט פאַרבאָרגען,
געדריקט בין איך מיט דאגות און זאָרגען.
דו ווייסט דאָך מיין בושה, מיין שאַנד,
מיינע געגנער קיין תקומה זאָלען האָבען, — קיין באַשטאַנד.
באַליידיגונג האָט מיין האַרץ צובראָכען,
קיין טרייסט וואָרט איז ניטאָ, — איך בין ווי צושטאָכען.
גיפט אין מיין שפייז אריינגעטאָן אָקאָרשט,
מיט עסיג אָנגעטרונקען האָבען זיי מיך אין מיין דאָרשט.
זייערע אויגען פון קוקען זאָלען פינסטער ווערען,
ניט טרעפען דעם אָרט וואוהין זיך צו קעהרען.
גיס אויס אויף זיי דיין כעס און צאָרן,
פאַרשעלטען דעם טאָג פון זייער געבאָרען.
ווערען זאָלען זייערע פּאַלאַצען וויסט,
אנשטאט הייזער — חורבות פון מיסט.
פון לעבענס בוך אויסגעמעקט זאָלען זיי ווערען,
דעם צדיק׳ס לעבען ניט קענען צושטערען.
און איך אָרעמאן, פול מיט וועהטאָג,
אין דיין הילף איך זיך נויטיג.
כ׳וועל לויבען ג־טס נאָמען אין געזאַנג,
גרויסען זיין נאָמען מיט אַ דאַנק.
דאָס וועט זיין ביי ג־ט מעהר חשוב און טייער,
ווי אַ אָקס פאַר אַ קרבן אויפ׳ן פייער.
זעהן וועלען די פרומע און זיך פרעהען,

די ג־ט פאָרשער וועלען עס פאַרשטעהן.
וואָרום צו די אָרעמע הערט ג־ט,
און די געפאַנגענע ניט פאַרשעהמט ער האָט.
הימעל און ערד וועלען איהם לויבן,
אַלעס וואָס קריכט אונטען און פליהט אויבען.
וואָרום ג־ט ציון העלפען בויען וועט,
באַזעצען זיי דאָרט אין זיינע שטעדט.
ירש'נען וועלען זי זיינע קנעכט,
וואוינען אין איהר און האָבען אַלע רעכט.

למנצח לדוד להזכיר

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע׳)

אָ, ג־ט! אייל צו מיין הילף פון מיינע שונאים,
שאַנד און שפּאָט זאָל פאַרדעקען זייער פּנים.
זאָלען אָפּטרעטען אהינטער, וועלכע פאַרשעהמען מיך,
וואָס זאָגען פרייד צו אונז פרייד, — באַצאָהל גיך.
פרעהען זאָלען זיך מיט דיר אַלע,
וועלכע זוכען דיין הילף, — זיי זיי ג־ט ממלא.
און איך, אָרעמער און באַדריקטער, — קענסטו נאָר רעטען,
אָ, ג־ט, ניט פאַרזאם, — איך טהו עס ביי דיר בעטען.

בך ה׳ חסיתי

(אויפֿן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״א)

באַשיצט האָב איך מיר, ג־ט, אין דיר,
כ׳זאָל ניט בלייבען פאַרשעהמט, — אָ, העלף מיר.
ראַטעווע מיך אין דיין גערעכטיגקייט,
נויג דיין אויער צו מיר, — באַווייז דיין מעכטיגקייט.
באַפוילען מיך צו העלפען זאָלסטו,
וואָרום מיין פעלז און פעסטונג ביסטו.
אַ, ג־ט! פון רשע׳ס האַנט ראַטעווע מיך,
פון אומרעכט טהוער — העלף מיר גיך.
מיין פאַרזיכערונג ביזטו פון מיין יוגענט אָן,
מיין לעבען שטעהט אימער אין קאָן.
פאַר א ביישפּיל פאַר פילע בין איך געווען,
זעה ס׳זאָל קיין בייז מיט מיר געשעהן.
מיט דיין לויב זאָל מיין מויל זיין פול,
משפּט מיינע פאַרפאָלגער אויף דיין געטליכען שטול.
אויף די עלטערע יאָהרען וואַרף מיך ניט אַוועק,
ווען איך דערמאָהן זיך — כאַפּט מיר אָן אַ שרעק.
וואָרום מיינע שונאים האָבען אויף מיר געזאָגט,
וועלכע זוכען מיין לעבען, — און מיך געפּלאָגט.
פאַרלאָזען האָט איהם פון לאַנג שוין ג־ט,
יאָגט נאָך אונכאַפּט איהם — קיין מורא ער האָט.
דארום דערווייטער זיך ניט פון מיר,
אייל צו מיין הילף, — בעט איך ביי דיר.
פאַרשעהמט מיינע שטערער זאָלען ווערען,
וועלכע זוכען מיין אומגליק, — וואו זיי זיך קעהרען.

אָבער איך וועל שטענדיג צו דיר האָפען,
וועל דיר לויבען זאָגאַר ווען דו ווערסט מיך באַשטראָפען.
דיין גערעכטיגקייט וועט מיין מויל דערצעהלען,
דו, ג־ט, קענסט נאָר מיינע וואונדען פאַרהיילען.
האָסט מיך געלערענט, ג־ט, פון מיין יוגענט אָן,
דיינע וואונדער דערצעהל איך, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן.
פאַרלאָז מיך ניט ווען איך ווער אַלט און גרוי,
מ׳זאָל פון מיר ניט לאַכען יעדער פויער, יעדער גוי.
ביז׳ן הימעל, אָ, ג־ט, איז דיין גערעכטיגקייט,
וואָס דו האָסט אויפגעטאָן מיט דיין מעכטיגקייט.
באַוויזען האָסטו מיך פילע צרות און ליידען,
און מיך ווידער באַלעבט, — דערצעהל עס אין פריידען.
פון די אָפּגרונטען מיך ווידער האָסט ארויפגעבראַכט,
איך נאָר פון דיר כסדר טראַכט.
אויך איך וועל דאַנקען מיט אַ האַרף,
דער קלאַנג זאָל ארויסקומען קלאָהר און שאַרף.
מיינע ליפען וועלען אויך זינגען ביי מיר,
וועל איך שפּילען אויף מיין פידעל פאַר דיר.
שטענדיג וועט מיין צונג רעדען דיין גערעכטיגקייט,
און די וועלכע מיין אומגליק זוכען, — ווייז דיין מעכטיגקייט.

אלקים משפטיך למלך תן

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ב)

ג־ט צום רעגירער דיינע געזעצען גיב,
דיין גערעכטיגקייט דעם קעניגס זוהן האָט ליב.
משפּט׳ן וועט ער מיט צדק דיין פאָלק,
דיינע אָרימע לייט מיט יושר און טאָלק.
געדריקטע פון פאָלק פאַרטיידיגען וועט ער,
אונטערדריקען דעם רויבער וועט איהם ניט זיין שווער.
מורא האָבען וועלען אַלע פאַר דיר,
אַזוי לאַנג די זון און לבנה שיינען פאַר מיר.
ווי אַ רעגען אויף גראָז וועט דער רשע פאַלען,
און פאַר׳ן צדיק וועט די זון אויפשטראַלען.
פון איין ים ביז׳ן צווייטען וועט ער רעגירען,
אַלעס מיט ג־טס הילף אויספיהרען.
פאַר איהם וועלען זיך קניהען באַרבאַרען,
אויך אַלע פרינצען און האַרען.
מלאכים פון תרשיש וועלען ברייננגען מתנות,
מלכים פון שבא וסבא — אָפּפערען קרבנות.
ער וועט ראַטעווען דעם אָרעמאַן וואָס קלאָגט,
און דעם געפּייניגטען — וואָס ווערט געפּלאָגט.
רחמנות וועט ער האָבען אויף דעם אָרעמאַן,
העלפען איהם אויף יעדען טריט, יעדען שפאַן.
פון רויב וועט ער זיי ג־ט אויסלייזען,
אויך פון זייער בליק דעם בייזען.
פון שבא די גאָלד וועט מען איהם געבען,
און שטענדיג בעטען פאַר זיין לעבען.

אַ גערעטעניש פון קאָרן וועט זיין,
אנשטאט וואַסער — וועט מען טרינקען וויין.
שפּראָצען וועלען מענשען ווי גראָז אויף דער ערד,
וועלכע עס עסען חיות, בהמות און פערד.
אַזוי לאַנג ווי די זון וועט זיין נאָמען פאַרבלייבען,
ריהמען איהם וועלען אלע זיך צוזאַמענקלייבען.
פאַר זיינע וואונדער ווערען אַלע נתפּעל.
געלויבט איז דער אייביגער, דער האַר פון ישראל,

מזמור לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ג)

צו ישראל איז געוויס ג־ט גוט,
צו די רײנהערציגע גיט ער כח און מוטה.
און איך, — כמעט מײנע פיס זיך בויגען,
מײנע טריט גליטשען זיך, — ס׳טונקלען מײנע אויגען.
מקנא געווען נאָר די וועלכע זײנען אויסגעלאַסען,
און די רשעים וועלכע טהוען פונאַלעס שפּאַסען.
און די מאַטערניש פון די רשעים — ניטאָ זײנען זײ,
און קײן שום זאַך טוהט זײ גאָר ניט וועה.
דאַרום רינגעלט זײ גאוה ארום,
און געהען אין וועגען וועלכע זײנען קרום.
די אויגען זײערע פון פעטקײט ארויס קריכט,
שלעכטע געדאַנקען שטראָמען פון זײ געדיכט.
שפּאַסען ווען פון שלעכטס זײ ריידען,
וועלכע פאַרשאַפט מענשען וועהטאָג און לײדען.
ביז׳ן הימעל זײער מויל זײ פאַררײסען,
און מיט׳ן שאַרפען צונג יעדערען בײסען.
דארום קעהרט זיך אום זײן פאָלק אהער,
ווערט איהר ניט געפּלאָגט ווערען מעהר.
זײ ווילען זאָגען: ווי אַזוי קען וויסען ג־ט,
וועלכער די וועלט באַשאַפען האָט?
אָט זעהט, אָט דיזע אַלע פאַרברעכער,
זיצען זיך רוהיג ווי שרצים אין די לעכער.
אומזיסט האָב איך מײן האַרץ געלײטערט,
יעדערער פון מיר האָט זיך דערווײטערט.

געוואַשען האָב איך מיינע הענד ריין,
מיין האַרץ איז מיט גוטע געדאַנקען, שעהן.
דאָך בין איך שטענדיג געווען געפּלאָגט,
און ווער פון יעדען געטריבען, געיאָגט.
זאָל איך זאָגען, — כ׳וועל זיין ווי זיי,
וועט עס מיר נאָך ערגער טאָהן וועה.
און אַז איך טראַכט דאָס צו פאַרשטעהן,
מאַטערט עס מיינע אויגען, — מיין געביין.
ביז וואַנען צו דער הייליגקייט פון ג־ט בין געקומען,
האָב איך איינגעזעהן, אז די שונאים וועלען שטומען.
אַז נאָר אויף אַ גליטש זיי שטעהען,
וואַרפסט זיי ארונטער, — וועלען זיי אונטערגעהן.
אַזוי ווי מען כאַפּט זיך אויף פון א חלום,
וועט ג־ט זיי פאַראכטען, זייער געשטאַלט, זייער פּנים.
ווען מיין האַרץ פאַרזויערט פלעגט ווערען,
און ניט געפינען קיין אָרט, וואוהין זיך קעהרען.
בין איך דאָך ווי אַ בהמה געווען קעגען דיר,
כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז ג־ט איז מיט מיר.
האַלסט דאָך מיר אָן מיט דיין האַנט די רעכטע,
און אונטערדריקסט די גרעסטע מעכטע.
נאָר דיינע דערווייטערטע וועלען ווערען פאַרלאָרען,
וועלען פאַרשעלטען דעם טאָג פון זייער געבאָרען.
אָבער איך, — מיין באַשיצונג אין ג־ט האָב געמאַכט,
אויסצודערצעהלען זיינע וואונדער שטענדיג כ׳טראַכט.

משכיל לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ד)

וואָרום, אָ, ג־ט, האָסטו אונז פאַרלאָזען ?
די שאָף פון דיין פיטערונג אויף הפקר געלאָזען ?
געדענק דיין געמיינדע וועלכע האָסט געשאַפען,
געוואָרען זיינען מיר ביי יעדערען שקלאַפען.
אויף דעם באַרג ציון אויף וועלכען געוואוינט האָסט,
הויב אויף דיינע טריט, און זעה ווי ס'איז פאַרלאָזט.
געשריען האָבען דיינע פיינד אין פאַרזאַמלונגס־אָרט,
און געמאַכט געוויסע צייכענס אויף צייכענס דאָרט.
אַוועקגעשיקט דיין הייליגטום מיט'ן פייער,
פאַרשוועכט דיין נאָמען וועלכער איז ביי אונז טייער.
געזאָגט האָבען זיי: לאָמיר פאַרניכטען אינאיינעם,
ס'זאָל ניט פאַרבלייבען קיין זכר פון אונז קיינעם.
אונזערע צייכענס האָבען מיר נאָך ניט געזעהן,
ניטאָ מעהר קיין נביא, וואָס ווייסט וואָס ס'וועט געשעהן ?
ווי לאַנג נאָך, ג־ט, וועט דער געגנער לעסטערען ?
דיין נאָמען פאַראכטען — ניט פון היינט און געסטערען ?
וואָרום צוריק דיינע הענט טהוסטו ציהען ?
מיר ווייסען ניט וואו פריהער צו פליהען !
דו, ג־ט, ביזט דאָך מיין קעניג פון אַמאָל,
געטאָן האָסטו וואונדער אויף דער ערד און טאָל,
צוברעקעלט דעם ים האָסטו מיט דיין מאַכט,
די קעפּ פון די וואַלפישען — אויפ'ן וואַסער ארויפגעבראַכט.
די קעפּ פון לויתן צושמעטערט אויף שטיקלעך,
דאָס פאָלק וועט הנאה האָבען — זיך פיהלען גליקליך.

קוואַלען און טייכען האָסטו געשפּאָלטען,
די טייכען אויסגעטריקענט — די ארבייט איז געגאָלטען.
דיינס איז דער טאָג און די נאַכט,
אויף דער לבנה און זון האָסטו אויך די מאַכט.
האָסט איינגעשטעלט אלע גרעניצען פון דער ערד,
דעם זומער און ווינטער — חיות, בהמות און פערד.
טאָ דערמאָהן זיך וואָס דער פיינט לעסטערט ג־ט,
און א נידעריגס פאָלק דיין נאָמען פאַרשוועכט האָט.
דיין טויבס נפש גיעב ניט איבער צו דער חיה,
דאָס לעבען פון דיינע אָרימע זיי מחיה.
באַטראַכט דעם בונד, — די פינסטערע ערטער באַטראַכט,
מיט רויב זיינען זיי אָנגעפילט — באַווייז דיין מאַכט.
דער געבראָכענער זאָל זיך ניט אומקעהרען פארשעהמט,
דעם אָרימאַנס הארץ זאָל ניט ווערען צוקלעמט.

למנצח אל תשחת

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ה)

מיר דאַנקען דיר, ג־ט, דיינע וואונדער דערצעהלען,
ווייל נאָר דו קענסט אונזערע וואונדען פארהיילען.
איך זאָג צו גרויסהאַלטער: קיין בעלי גאוה ניט זייט!
דערהויבט ניט קיין האַרען צום המעל אזוי וייט!
רעדט ניט מיט אַ שטאָלצען נאַקען,
ווייל ג־ט קען אייערע יאָהרען אָפּהאַקען.
אַז ער וויל דערנידערט ער, און אז ער וויל דערהויבט ער,
פון איהם זיך אוסבאַהאַלטען איז זעהר שווער.
ביים דעם אייביגען אין האַנט איז פאַרהאַן אַ בעכער,
די ווין טרינקען די צדיקים, די פסלת — די פאַרברעכער.
און איך צום האַר פון יעקב וועל זינגען,
פראָקלאַמירען זיין חסד, — זיין נאָמען וועט קלינגען.

למנצח בנגינות מזמור לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ו)

באַוואוסט אין יהודה איז געוואָרען ג־ט,
זיין נאָמען באַריהמט געמאַכט ער האָט.
אין שלם איז געוואָרען זיין געצעלט,
זיין וואוינונג אין ציון קלינגט איבער דער וועלט.
די פיילען פון בויגען צובראָכען האָט ער דאָרט,
דעם פּאַנצער, שווערד, מלחמה, פאַרניכטעט מיט זיין וואָרט.
די גרויזאמע זיינען געוואָרען אַנדרעמעלט פון שרעק,
געמאַכט האָט ג־ט פון זיי א סוף — אן עק.
פון דיין געשריי דרעמלען איין רייטער און פערד,
און אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער ערד.
ווער קען ביישטעהן פאַר דיר און דיין צאָרען,
ווען דו, ג־ט, שאַלסט מיט דיין געטליכען האָרן.
דיין אורטייל פון הימעל האָסטו געלאָזט הערען,
העלפען די געפייניגטע — ווען דערזעהסט זייערע טרערען.
טהוט א נדר און באַצאָהלט צו ג־ט, אייער האַר,
וועט ער אייך אויסהיטען פון יעדער געפאַהר!

למנצח על ידותון מזמור לדוד

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ז)

מיין שטים איז צו ג־ט איך שריי,
ער וועט מיך פאַרנעהמען — איך דין איהם געטריי.
אינ׳ם טאָג פון מיין צרה, האָב איהם געפאָרשט,
טרוקען איז מיין מויל׳ — נאָך וואסער איך דורשט.
מיין נפש טרייסטען וויל זיך ניט,
ווען איך באַטראַכט מיין שווערען געמיט.
די ברעמען פון מיינע אויגען האָסטו אָנגענומען,
כ׳בין געוואָרען צוטומעלט, — צו וואָס איך בין געקומען?
כ׳טראַכט פון די אַמאָליגע צייטען נאָר,
די יאָהרען פון פאַרגאַנגענהייט גאָר.
כ׳דערמאָהן מיין געזאַנג ביי דער נאַכט,
אויף מיין בעט ליגענדיג איך באַטראַכט.
מיט מיין האַרץ גיב איך א שמועס, אַ פרעג,
וועט שוין צו מיינע צרות ניט נעהמען אַ ברעג?
וועט ג־ט שוין אויף אייביג פאַרלאָזען?
און דעם שופר של משיח ניט הערען בלאָזען?
ניט וועלען וועט ג־ט זיך איבערבעטען מעהר?
אויסשטעהן אזוינע צרות, — אך ווי שווער!
איז אויף אייביג זיין חסד פארשוואונדען?
ווער וועט מיך היילען מיינע יסורים און וואונדען?
האָט דען באַגנאדיגונג פאַרגעסען ג־ט?
און פאַרשלאָסען מיט כעס זיין רחמנות האָט?
איך האָב באַטראַכט — דער פעהלער איז פון מיין זייט,
ווייל אַוועק בין איך פון דיין וועג ווייט.

דארום דערמאָהן איך מיך די טהאַטען און דיינע וואונדער,
און באַטראַכט יעדע זאַך באַזונדער.
זעה איך איין, אז הייליג איז דיין וועג,
און פאַרשטעה וואָס מען טאָר ניט און וואָס מען מעג.
האָסט דערלייזט מיט גבורה דיין פאָלק,
די קינדער פון יעקב און יוסף — געבראַכט צו אַ טאָלק.
דער וואַסער געציטערט דאַן האָט,
ווען דערזעהן ער האָט דיך, ג־ט!
די הימלען האָבען דערלאַנגט אַ קול,
אויפגעציטערט האָבען אלע מיטאַמאָל.
באַלויכטען האָבען בליצען די וועלט,
אָנגעכאַפּט האָט יעדערען אַ גרויל און קעלט.
אין ים איז דיין וועג, ניט קענטיג דיין טריט,
היטסט דיין פאָלק מיט דיין בליק.

משכיל לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ח)

פאַרנעהם מיין פאָלק, מיין לעהרע, די רייד פון מיין מויל,
הערט אויס מיט קאָפּ, — זייט ניט פויל!
רעטענישען פון פאַרצייטען וועל איך אַנטדעקען,
וואָס מיר האָבען געהערט — פאַר אייך אַנטפּלעקען.
פון זייערע קינדער וועלען מיר ניט פאַרהוילען,
צום צוקונפטיגען דור — אלעס וועלען מיר דערצעהלען.
די וואונדער וואָס ג־ט האָט אויפגעטאָן,
מ׳קען עס זעהן גלייך פון אויבענאָן.
צווישען די ישראל אַ תורה געשאַפען,
א תורה פאַר אַלעמען — הערען און שקלאַפען.
די זעלבע לעהרע צו די קינדער מאַכען וויסען,
זיי זאָלען אויך פונ׳ם זעלבען קוואַל געניסען.
אום ס׳זאָל וויסען דער דור שפּעטער,
אַז עס עקזיסטירען ניט קיין אַנדערע געטער.
ווי די עלטערען זייערע זאָלען זיי ניט זיין,
ווייל צופיל אין טומאה זיינען זיי שוין אריין.
זיין גייסט צו ג־ט איז ניט געוועזן טריי,
פאַרגעסען פון אידישקייט, — זיינע געדאַנקען פריי.
די קינדער פון אפרים ג־ט׳ס בונד ניט געהיט,
געטהאָן רק פעהלערען אויף יעדען טריט.
ג־ט׳ס טהואונגען האָבען זיי פאַרגעסען,
פון צופיל וואוילטאָג און צופיל פרעסען.
און אָט איז וואָס ג־ט האָט מיט זיי געטאָן,
אָט קען מען עס אָנטאַפּען גלייך אויבענאָן.

געשפּאָלטען דעם ים און זיי אריבערגעפיהרט,
אַוועקגעשטעלט דאָס וואסער — ס'איז געגאַנגען געשמירט.
ער האָט זיי געפיהרט מיט אַ וואָלקען בייטאָג,
ביינאַכט מיט ליכט — אָהן שרעק, אָהן פלאָג.
אין מדבר פעלזען געשפּאָלטען ער האָט,
טרינקען פון זיי געגעבען האָט זיי ג־ט.
זינדיגען קעגען איהם האָבען זיי דאָך געמעהרט,
און אלע געזעצען זיינע — ניט געהיט, פאַרשטערט.
זיי האָבען געטאָן ג־ט פּרובירען,
ניט פאַרשטאַנען צו וואָס דאָס קען פיהרען.
באַרעדט האָבען זיי ג־ט און געזאָגט :
ווי קען ער גרייטען אַ טיש אין מדבר ? — האָבען זיי געקלאָגט.
ווי קען ער דערלאַנגען אזוי פיל ברויט,
מיר זאָלען ניט ליידען הונגער און נויט ?
דארום ווען ג־ט האָט עס אַלץ דערהערט,
זיין כעס האָט ער אויסגעלאָזט, — זיי האָבען דאָס די ווערט.
ווייל געגלויבט האָבען זיי ניט אין איהם,
און ניט צוגעהערט זיך צו זיין שטים.
דאָך האָט ער די הימלען באַפוילען,
צו רעגענען מיט מן ווי האָגעל־קנוילען.
געטליכען ברויט האָט דער מענש געגעסען,
און דאָך האָבען זיי אין ג־ט פאַרגעסען.
פליייש אזוי פיל געהאַט האָבען זיי,
אַז די בייכער פון עסען האָט זיי אַזש געטאָן וועה.
פון זייער תאוה האָבען זיי זיך ניט דערוויייטערט,
זייער גייסט איז געווען פאַרדאָרבען — ניט אויסגעלייטערט.
ווידער איז זיי באַפאַלען דער צאָרען פון ג־ט,
דערהרג'עט די שטאַרקסטע פון זייערע ער האָט.

און נאָך אַלעמען האָבען זיי געטאָן זינד,
געהאַנדעלט אָהן שכל ווי אַ קליין קינד.
פאַרענדיגט ווי אַן טעם האָט ג־ט זייערע טעג,
און זייערע יאָהרען — אין דעם פינסטערען וועג.
האָט ער געשלאָגען ? — געזוכט האָבען איהם זיי,
געפאָרשט צו ג־ט ווען ס'האָט זיי געטאָן וועה.
און ווידער האָבען זיי איהם איבערגעבעטען,
ער זאָל זיי באַפרייען — די זינד פאַרגלעטען.
נאָר זייער האַרץ איז ניט געווען דערביי,
פאַלש געווען צו ג־ט — ניט געטריי.
אָבער ער איז דאָך פול מיט רחמנות,
האָט זיי ג־ט געשענקט — זיין וואָרט איז נאמנות.
אז פלייש זיינען זיי, האָט ער זיך דערמאָהנט,
פאַר שוואַכזיניגע ברואים האָט ער זיי דערקענט.
און ווידער געטאָן האָבען זיי די זעלבע זאך,
פאַרגעסען ג־ט'ס וואָרט — געמאַכט צו שמאַך.
זיינע צייכענס אין מצרים וואָס ער געטאָן האָט,
דעם טאָג וואָס ער דערלייזט האָט זיי ג־ט.
אין בלוט פאַרוואנדעלט די טייכען האָט ער,
טרינקען דאָס וואַסער האָבען די מצרים ניט געקענט מעהר.
יעדען ערשט געבוירענעם אויך געטויט,
און נאָך פלאָגען — ווי אין חומש באַשריבען שטעהט.
געמאַכט האָט ג־ט ציהען ווי שעפסען זיין פאָלק,
ברייגען זיי צו א מנוחה — צו אַ טאָלק.
צו זיין הייליגען גרעניץ האָט ער זיי געבראַכט,
ג־טס נסים האָבען זיי ניט באַטראכט.
פאַרטריבען האָט ער פאַר זיי נאַציאָנען,
מיט זייער מיליטער, מיט זייערע פאָהנען.

און ווידער האָבען זיי פאַרגעסען אָן ג־ט,
ניט אָפּגעהיט זיין תורה און די צעהן געבאָט.
דערצאָרענט האָבען זיי מיט זייערע אַלטאַרען,
געטשקעס געמאַכט פאַר זייערע האַרען.
ווי ג־ט האָט עס אזוינס דערהערט,
האָט ער זיי פאַר׳מאוסט — זיי זיינען עס ווערטה.
איבערגעגעבען האָט ער זיין פאָלק צום שווערד,
זיינע יונגען פאַרברענט האָט אַ פייער אויף דער ערד.
די כהנים זיינען דורכ׳ן שווערד געפאַלען,
די זון האָט באַהאַלטען די שיין, די שטראַלען.
דאַן האָט ג־ט דערוואַכט פון זיין שלאָף,
צום שבט יהודה געזאָגט האָט ער: האָף!
אויסדערוועהלט האָט ער אין דוד זיין קנעכט,
געגעבען איהם זיין מלוכה — זיין רעכט.
פיטערען זאָל ער יעקב זיין פאָלק,
ברייגען זיי צו א אָרדנונג און אַ טאָלק.

מזמור לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ע״ט)

א, ג־ט! פרעמדע פעלקער זיינען אין דיין הויז אריינגעקומען,
פאַרשמוצט האָבען זיי דאָס הייליגטום — אַלץ פאַרנומען.
ירושלים האָבען זיי וויסט און חרוב געמאַכט,
פאַרפינסטערט די וועלט ווי סוף חודש נאַכט.
פאַרגאָסען ווי וואַסער האָבען זיי אונזער בלוט,
ווער קען עס צוקוקען? — אוי ס'איז ניט גוט!
מיר זיינען געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט,
ביז וואַנען וועט דיין כעס אָנהאַלטען? — אָ, ג־ט!
דערמאָהן שוין ניט אונזערע אַמאָליגע זינד,
די אַלטע חשבונות מעק אויס גיך, געשווינד.
ס'זאָל אָנגענומען ווערען פאַר דיר אונזער געשריי,
גענוג געליטען האָבען מיר — אוי ס'טוהט וועה!
באַצאָהל אונזערע שונאים זיבען מאָל אזוי פיעל,
ווייל זיי באַזיצען ניט קיין מענשליך געפיהל.
מיר זיינען דיין פאָלק און דיינע שאָף,
מיר כאַפּען זיך שוין אויף פון אונזער שלאָף.
פון דור צו דור וועלען מיר דיינע וואונדער דערצעהלען,
אונזערע יסורים און וואונדען וועסטו געוויס פאַרהיילען.

למנצח על שושנים

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פּ׳)

פּאַסטוך פון ישראל, זעה פאַרנעהם,
ג־ט אונזער פיהרער — אונז ניט פאַרשעהם.
זיצער פון די כרובים, שיין ארויס,
פאַר אפרים, בנימין און מנשה — אין זייער הויז.
קום אונז צו הילף. דיין גבורה דערוועק,
שטעל אונז אויף צוריק — אַראָפּ וועט דער שרעק.
ווי לאַנג נאָך וועסטע כעס׳ן אויף דיין פאָלק ?
גענוג טרערען ברויט געגעסען — ברייננ צו אַ טאָלק.
גענוג טרערען געטרונקען פון גרויסען כוס,
די שונאים אונזערע האָבען שוין אריבערגעכאָפּט די מאָס.
זיי טהוען פון אונז חוזק׳ן שפּאַסען,
פאַרשטעלען זיך פאַר פריינד — טהוען אונז האַסען.
אַ וויינשטאָק פון מצרים האָסטו אויסגעריסען,
מיר זאָלען עסען פון זיין פרוכט און געניסען.
זיינע צווייגען ביז׳ן ים האָט ער צושפּרייט,
און ביז׳ן טייך זיינע שפּראָצונגען זיינען פאַרזייט.
וואָרום, ג־ט, האָסטו צובראָכען זיינע צאמען ?
און אַלע וועג ווייזער טרעטען אויף דעם, — פאַרדאַמען ?
דער חזיר פון וואַלד טהוט איהם אונטערגראָבען,
יעדער ארומקריכער פון פעלד וויל עס האָבען.
דעם דאָזיגען וויינשטאָק באַטראַכט ג־ט,
באַפעסטיג וואָס דיין רעכטע האַנט געפלאַנצט האָט.
אָפּגעהאַקט איז ער — פאַרברענט אין פייער,
וועלכער איז געוועזן ביי אונז אזוי חשוב און טייער.

שטיצען זאָל דיין האַנט וואָס שטעהט ביי דיין זייט,
וועסט העלפען געפאַלענע פון נאָהענט און ווייט.
מיר וועלען זיך ניט אָפּקעהרען פון דיר,
דיין הייליגען נאָמען רופען וועלען מיר.
שטעל אונז אויף צוריק, אייביגער ג־ט,
וועלכער אויף יעדער באַשעפעניש רחמנות האָט.

למנצח על הגתית לאסף

(אויפֿין מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״א)

זינגט צו ג־ט אונזער קראַפט אַ געזאַנג,
שאַלט צו יעקב׳ס ג־ט מיט אַ קלאַנג.
דערלאַנג אַ פּויק, פידעל און האַרף,
בלאָזט דעם שופר קלאָהר און שאַרף.
פאַר אונזער יום טוב אין דער באַשטימטער צייט,
די באַפרייאונג אונזערע איז שוין ניט ווייט.
אין דיין נויט גערופען האָסטו מיך,
ארויסגעצויגען האָב איך דיר גאַנץ גיך!
הער מיין פאָלק — זאָלסט מיך נאָר הערען,
וועל איך זיך צו דיר גלייך אומקעהרען.
צו אַ פרעמדען אָפּגאָט זאָלסטו זיך ניט בוקען,
ער איז ווי א טויטער, וועלכער קען זיך ניט רוקען.
איך בין דער אייביגער האַר דיינער,
אַרויסגעבראַכט פון מצרים אין דער לאַנד דער פיינער.
אָבער מיין פאָלק האָט ניט צוגעהערט צו מיין קול,
און ישראל האָבען ניט צוגעשטימט צו מיר מיטאַמאָל.
געלאָזט זיי געהן פריי האָב איך,
זיי האָבען אָבער אויסגעפונען דעם טעות גיך.
ווען מיין פאָלק וואָלט טאקי צוגעהערט צו מיר,
וואָלט איך אַנדערש געווען צו דיר.
איך וואָלט אונטערטעניגט זייערע פיינט,
אויף זייערע באַדריקער ארויפגעלייגט מיין האַנט.

מזמור לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״ב)

אין דער געטליכער געמיינדע געשטאַנען איז ג־ט,
און געפיהרט א משפט צווישען די ריכטער ער האָט.
ווי לאַנג נאָך וועט איהר אורטיילען פאַלש און געמיין ?
און שמייכלען אין פנים צום אונרעכטיגען פאַרשוין ?
משפט דעם אָרימען און יתום, אנערקענט די אונטערדריקטע,
ראַטעוועט דעם שוואַכען און אביון — די דערשטיקטע.
ניט זיי ווייסען, ניט זיי פאַרשטעהען,
טאַפּען אַ וואַנט — אין דער פינסטער זיי געהען.
איך האָב געדענקט, אַז געטליך זייט איהר,
און גוטע קינדער וועט איהר זיין צו מיר.
איהר וועט אָבער ווי מענשען שטאַרבען,
און ווי פירסטען ווערען פארדארבען.
שטעה אויף, אָ, ג־ט, משפט די ערד,
מיט דיין הייליגען גייסט, ניט מיט'ן שווערד !

שיר מזמור לאסף

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״ג)

אלמעכטיגער ניט שווייג! גלייכגילטיג ניט זיי!
זעה ווי דיינע פיינט שטורמען, ווען איך געה זיי פאַרביי.
זעה ווי דיינע שונאים האָבען דעם קאָפּ פאַרריסען,
אַלץ מיר ווערה צו טאָהן — ס׳זאָל מיר פאַרדריסען.
אויף דיין פאָלק פלענער אין געהיים זוכען זיי,
באַראַטען זיך וועגען דיינע באַהאַלטענע צו טהאָן וועה.
זיי זאָגען: קומט לאָמיר זיי פאַרניכטען אלע מיטאַמאָל,
ישראל׳ס נאָמען זאָל מעהר ניט דערמאָהנט ווערען קיינמאָל.
געשלאָסען האָבען זיי קעגען דיר א פאַרבאַנד,
פאַרשידענע פעלקער ווילען מאַכען אַן אויפשטאַנד.
טהו, ג־ט, מיט זיי ווי דו האָסט מיט מדין געטהאָן,
דאַרפסט מעהר ניט אַ וואונק טהאָן פון אויבען אָן.
אין עין־דאר האָסטו זיי פאַרטיליגט, פאַרשניטען,
געפאַלען ווי מיסט אויף דר׳ערד — יסורים געליטען.
ג־ט מיינער! מאַך זיי ווי שטרוי קעגען ווינט,
פאַרשווינדען זאָלען זיי גיך, געשווינדט.
ווי אַ פייער וואָס צינדט אָן אַ וואַלד,
אַזוי זאָלען זיי פאַרברענט ווערען באַלד.
באַדעק זייער פנים מיט שאַנדע,
אָט די מיאוס׳ע רוצחים — די געמיינע באַנדע.
פאַרשעהמט און דערשראָקען וועלען זיי ווערען,
קיין תקומה ניט האָבען — וואו זיי זיך קעהרען.
זאָלען זיי וויסען אַז דיין נאָמען איז ג־ט,
דער העכסטער איבער דער ערד וואָס אלץ באַשאַפען האָט.

למנצח על הגתית
(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״ד)

ווי ליעב מיר איז דיין וואוינונג־אָרט,
מיין נפש בענקט נאָך דיין הייליגען וואָרט.
מיין האַרץ און נפש זינגען צום לעבעדיגען ג־ט,
ווייל ניט געלאָזט פאַלען מיר ער האָט.
אויך דאָס פויגעלע האָט א הויז געפונען,
זי האַלט איהרע קינדער — זאָלען ניט ווערען אַנטרונען.
גליקליך זיינען די וואָס אין דיין הויז וואוינען,
לויבען וועלען זיי דיך — דיין נאָמען באַשעהנען.
וואויל איז דעם מענשען וואָס אין דיר איז זיין מאַכט,
דער מענש וועלכער אין זיין האַרצען רק פון דיר טראַכט.
שטאַרקער און שטאַרקער ווערען אָט דיזע מענשען,
באַווייזען זיך פאַר ג־ט, ער זאָל זיי בענשען.
ג־ט פון הערשאַפט, מיין געבעט דערהער,
די שונאים מיינע מיין לעבען מאַכען שווער.
צו זיצען אין דיינע הויפען איין טאָג,
מאַכט מיר פאַרגעסען אלע מיינע דאגות און קלאָג.
ביים שוועל פון ג־טס הויז איז חשוב׳ער צו שטעהן,
ווי צו וואוינען אין רשע׳ס געצעלט פון מאַרמאָר שטיין.
אַ זון און פאַנצער איז ג־ט דער אייביגער,
חן און כבוד גיט ער צו אַלע זיינע גלויביגער.
וואויל איז דעם מענשען וואָס פאַרזיכערט זיך אין דיר,
איידער זיך צו פאַרלאָזען אויף אַנדערע פיער.

למנצח לבני קרח מזמור

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל פ״ה)

ג־ט, דו האָסט דערבאַרעמט דיין לאַנד,
יעקב׳ס געפאַנגענע געבראַכט צו אַ באַשטאַנד.
האָסט פאַרגעבען די זינד פון דיין פאָלק,
די פעהלערען זייערע צוגעדעקט — געבראַכט צו אַ טאָלק.
דעם גאַנצען כעס האָסטו איינגעהאַלטען,
— זיך באַרוהיגט פון דיין צאָרען דעם אַלטען.
שטעל אונז ווידער אויף — דיין כעס צושטער,
ווייל מ׳מאַכט אונזער לעבען זייער שווער.
וועסטו אונז ווידער, ג־ט, ניט באַלעבען ?
דיין פאָלק צו דיין לעהרע קענען ווידער שטרעבען ?
באַווייז אונז, ג־ט, דיין חסד — דיין הילף גיעב,
מיר — דיין אויסדערוועהלט פאָלק — ווענען האָסט ליעב.
וואָס דער האַר ג־ט וועט רעדען, הערען וועל איך,
פרידען וועט ער רעדען צו זיין פאָלק גיך.
זיין הילף איז נאָהענט וועלכע האָבען פאַר איהם מורא,
און וועלכע היטען זיין געבאָט און זיין תורה.
חסד און אמת באַגעגענען זיך,
גערעכטיגקייט און שלום קושען וועלען זיך גיך.
דער אמת פון דער ערד מוז ארויסשפראָצען,
די גערעכטיגקייט פון הימעל ווי מיט אויגען גלאָצען.
די גערעכטיגקייט געהט אום פאָראויס,
מ׳קען בויען אויף דעם די שטאַרקסטע הויז.

תפלה לדוד

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל פ"ו)

נייג, ג־ט, צו דיין אויער און ענטפֿער מיר,
ווייל אָרעם בין איך — כ׳פֿאַרלאָז מיך אויף דיר,
היט מיין נפש, ווייל פֿרום בין איך,
העלף, ג־ט׳ דיין קנעכט, ברייננ די ישועה גיך.
צו דיר רוף איך אַ גאַנצען טאָג,
דערפֿרעה מיין נפש — אַראָפּ וועט מיין קלאָג.
ווייל דו, ג־ט, ביסט גוט, פֿאַרגיסט זינד,
כ׳בין אויסגעלייטערט פֿון עברות ווי אַ קליין קינד.
איך רוף צו דיר אינ׳ם טאָג פֿון מיינע ליידען,
איך זאָל עס אַלעס דערצעהלען אין פֿריידען.
ניטאָ צווישען געטער ווי דו, ג־ט,
ניטאָ אזוינע שאַפֿונגען, וועלכער געמאַכט האָט.
אַלע פֿעלקער וועלכע דו האָסט באַשאַפֿען,
וועלען קומען פֿאַר דיר זיך בוקען ניט ווי שקלאַפֿען.
וואָרום גרויס ביסטו, און טהוסט וואונדער,
יעדער מענש וועט איינזעהן דיינע נסים באַזונדער.
צייג מיר דיין וועג, אין וועלכען כ׳זאָל געהן,
אַז עפּעס שרעקליכעס זאָל מיט מיר ניט געשעהן.
איינציג מיין האַרץ דיין נאָמען צו רעספּעקטירען,
צו דינען דיר מיט אמת וועט עס מיך פֿיהרען.
דיין גוטסקייט איז גרויס איבער מיר,
מיין נפש פֿון גרוב געראַטעט — אַ דאַנק דיר דאַפֿיר.
ג־ט! שולדיגע מענשען זיינען אויף מיר אָנגעשטאַנען,
מיין לעבען געזוכט — די געמיינע טיראַנען.

זיי האָבען וועגען דיר גאָר ניט געטאָן קלעהרען,
אַז דו קענסט גאָר זייערע פּלענער צושטערען.
דארום קעהר זיך צו מיר, צו דיין קנעכט,
טהו מיט מיר אַ נס, כ׳זאָל ארויס גערעכט.
דאַן וועלען מיינע פיינד זעהן און פארשעהמט ווערען,
אַז דו ביסט מיט מיר וואו איך טהו זיך קעהרען.

לבני קרח מזמור שיר
(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״ז)

די טויערען פון ציון האָט מעהרער ליעב ג־ט,
פון אַלע אַנדערע וואוינונגען וועלכע ער האָט.
מיט עהרע וועגען דיר ווערט גערעדט,
סיי אין וואָך און זאָגאַר ליגענדיג אין בעט.
ווען מצרים און בבל דערמאָהן איך,
דערקאָנט מען מיך ניט אזוי גיך.
אָבער וועגען ציון ווען איך גיעב אַ זאָג,
ווייסט יעדערער קלאָהר ווי דער טאָג.
אין פעלקער שריפט וועט זי ג־ט צעהלען,
נאָר דו ציון קענסט מיינע וואונדען היילען.
מיינע געדאַנקען ווי פלייטען וועלען זינגען,
איהרע זיסע טענער מיט ליוב וועלען קלינגען.

שיר מזמור לבני קרח

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפיטעל פ״ח)

ג־ט, דו ביסט דער האַר פון מיין הילף,
בייטאָג האָב איך געשריען ווי א לייב — א וואָלף.
זאָל קומען מיין געבעט פאַר דיר,
נויג צו דיין אויער, הער זיך איין צו מיר.
ווייל מיין נפש איז זאַט פון ליידען,
מיין לעבען צום גרוב קענסטו פאַרמיידען.
איך בין פאַררעכענט מיט די געגידערטע אין גרוב,
וועלכע ליגען דאָרט אין דער פינסטערער שטוב.
צווישען טויטע אַ פאַרלאָזענער, וואָס ליגען אין קבר,
וואָס קענען זיך ניט באַוועגען מיט קיין אבר.
זיי זיינען אָפגעשניטען, דערמאָהנסט זיי ניט מעהר,
אזוי בין איך איצט — וואו איך טהו זיך א קעהר.
אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסען דיין צאָרן,
זעה, ג־ט, וואָס פון מיר איז געוואָרען.
מיינע פריינד האָסטו דערווייטערט פון מיר,
געמאַכט מיר פאַר אַן עקעל צו זיי — ווייכען פון מיר.
איך בין פאַרשלאָסען, איך קען ניט ארויס,
זיך איינגעשפאַרט ווי אין אַ תפיסה הויז.
מיין אויג איז פאַרוועהטאָגט פון ליידען,
איך רוף צו דיר, ג־ט, דו קענסט עס פאַרמיידען.
מיינע הענט יעדען טאָג כ׳שפרייט אויס קעגען דיר,
העלפען קענסטו נאָר דו אליין מיר.
ווען דעסטו וואונדער צו טויטע טאָן פון אויבען?
וועלען פאַרשטאָרבענע אויפשטעהן דיך לויבן?

קען דען אין קבר דיין חסד דערצעהלט ווערען ?
קען מען אין אונטערגאַנג טרייהייט דיך שווערען ?
צו דיר געיאָמערט האָב איך,
מיין געבעט אינדערפריה באַגעגענען זאָל דיך.
פאַרוואָס האָסטו, ג־ט, מיין נפש פאַרלאָזט ?
פאַרגעבען פון מיר דיין פנים דו האָסט ?
אָרעם בין איך, — פון מיין יוגענד אָן גער אייך,
מיין לעבען איז ביטער ווי ביטערע וויין.
דיינע צאָרענס שטראָמען, מיט דיינע שרעקען,
דאָס וואַסער רינגעלט מיך ארום פון אַלע עקען.
האָסט דערווייטערט אַ פריינד און געליבטען פון מיר,
דערווייטער זיך ניט, ג־ט, איך בעט עס ביי דיר.

למנצח משכיל לאיתן האזרחי

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל פ״ט)

די חסדים פון ג־ט וועל איך אייביג באַזינגען,
דיין טריישאַפט מיט מיין מויל וועל איך אויסקלינגען.
וואָרום דער חסד איז אויף אייביג געבויט,
געבענשט איז דער, וועלכער עהרליך פאַרדינט זיין ברויט.
געשוואָרן האָב איך צו דוד מיין קנעכט,
אויף אייביג וועל איך איהם באַפעסטיגען מיט פולע רעכט.
די הימלען האָבען באַשטעטיגט די וואונדער פון ג־ט,
וועלכער אַלץ אויף דער וועלט באַשאַפען האָט.
וואָרום זיין גלייכען אין הימעל צו ג־ט ווער קען ?
און ווער איז עס אימשטאַנד צו באַשרייבען מיט אַ פען ?
ג־ט, ווער איז אַזוי קראַפטפול ווי דו, ווער איז נאָך ?
אַז דיין אייביגער דויער איז אַרום דיר דאָך.
איבער דער גרויסקייט פון ים ביזטו דער רעגירער,
דערהויבט ער זיינע כוואַליעס — ביזטו דער פיהרער.
דיינס איז דער הימעל, אויך דיינע איז די ערד,
די וועלט מיט איהר פולקייט — באַשעהנט, באַהערט.
צפון און דרום האָסטו באַשאַפען,
ס׳זינגען אין דיין נאָמען האַרען און שקלאַפען.
דו האָסט אַן אַרעם פול מיט גבורה,
ווער האָט קעגען דיר א פנים, אַ צורה ?
גערעכטיגקייט איז דער גרונט פון דיין טראָן,
חסד און אמת געוועלטיגען אויבען אָן.
וואויל איז צו דעם פאָלק, וואָס א תרועה פאַרשטעהט,
ג־ט, אינ׳ם ליכט פון דיין פנים מאַכט פאַרגעסן נויט.

מיט דיין נאָמען זאָלען זיי זיך פרייען אַ גאַנצען טאָג,
זיי זאָלען דערהויבען ווערען — אַראָפּ וועט דער קלאָג.
ווייל פּראַכט פון זייער קראַפט ביזטו עס,
און אַלס אונזער קעניג וועסטו באַווייזען דיין נס.
גערעדט האָסטו אַמאָל אין נבואה צו דיינע פרומע,
און געזאָגט: דיין דערוועהלטע פאָלק האָבען וועט אַ תקומה.
געפונען דוד׳ן מיין קנעכט, געזאַלבט איהם מיט אויל,
וועל איהם באַשיצען פון שונא׳ס שווערד און קויל.
צושטויסען פאַר זיין פּנים זיינע געגנער וועל איך,
און זיינע פאַראַכטער וועל איך דערמאָרדען גיך.
דורך מיין נאָמען וועט זיין האָרן דערהויבען ווערען,
אויף ים און יבשה, וואו ער וועט זיך קעהרען.
ער וועט מיך רופען, דו ביזט מיין פאָטער,
מיין ג־ט, — די שטאַרקייט פון מיין הילף איז ער.
כ׳וועל שטענדיג מיין חסד פאַר איהם היטען,
מיין קינד וועט זיין דויערהאַפט — געננג שוין געליטען.
אויב אָבער מיינע קינדער וועלען פאַרלאָזען מיין תורה,
מיינע געזעצען ניט היטען מיט רעספּעקט און מורא.
אויב זיי וועלען מיינע געזעצען פאַרשוועכען,
און מיינע מצוות ניט אָפּהיטען, צוברעכען.
פאַר זייער שולד וועל איך זיי באַשטראָפען מיט אַ רוט,
וועלען חרטה האָבען — ס׳וועט זיי זיין ניט גוט.
אָבער מיין חסד וועל איך ניט צושטערען,
און מיין טריישאַפט ניט פעלשען, — ניט געמינערט ווערען.
כ׳האָב איינמאָל געשוואוירען אין מיין הייליגקייט,
איך וועל ניט פעלשען צו דוד׳ן — עס איז ניט קיין קלייניגקייט.
זיינע קינדער וועלען אייביג פאַרבלייבען,
מ׳וועט זיי ניט קענען צושטויסען, צורייבען.

ווי די לבנה אויף אייביג וועט ער שטעהן,
און ווי דער הימעל וועלכער וועט ניט אונטערגעהן.
אָבער דו, האָסט מיט דיין געזאַלבטען איינגעריסען,
צושטערט דעם בונד, — דו זאָלסט עס וויסען.
האָסט אלע זיינע צאָמען צובראָכען,
זיינע פעסטונגען — רואינירט, צושטאָכען.
אַלע וועג ווייזער האָבען איהם געטאָן באַרויבען,
ביי זיינע שכנים אַ חרפה — ס'לאָזט זיך קוים גלויבען.
דערהויבען האָסטו פון די געגנער זיין האַנד,
האָסט דערפרעהט פון די אַלע זיינע פיינד.
האָסט אויך צוריקגעהאַלטען דעם שאַרף פון שווערד,
און געלאָזען איהם פאַלען אין קריג אין פעלד.
ווי לאַנג נאָך, ג־ט, וועסטו זיך פאַרבאָרגען ?
ווי אַ פייער וועט ברענען דיין כעס, מיר זאָלען זאָרגען ?
צוליב וואָס האָסטו אלע מענשען באַשאַפען ?
דערמאָן זיך, אָ, ג־ט, מאַך אונז ניט פאַר שקלאַפען.
וועלכער מענש לעבט עס אייביג, זעהט ניט די גרוב ?
ווער קען עס אַנטלויפען פון דער פינסטערער שטוב ?
דערמאָהן, ג־ט, די חרפה פון דיינע קנעכט,
וואָס איך טראָג אַריבער דורך טעג און נעכט.
וועלכע דיינע פיינד באַליידיגט האָבען דיך,
באַצאָהל זיי נאָך זייער ווערטה גיך.

תפלה למשה איש האלקים

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל צ׳)

ג־ט, אַ וואוינונג ביזטו פֿאַר אונז געווען אין יעדען דור,
איידער בערג זיינען געבוירען געוואָרען גאָר.
און איידער דו האָסט באַשאַפֿען ערד און וועלט,
זומער און ווינטער, היץ און קעלט.
ביזטו שוין, אָ, ג־ט, אויף דער וועלט געווען,
געוואוסט וואָס מיט דורות שפּעטער וועט געשעהן.
דערפֿיהרסט ביז פֿאַרניכטונג דעם מענשען,
און זאָגסט : קעהרט זיך צוריק — אייך בענטשען.
וואָרום אַ טויזענט יאָהר אין דיינע אויגען,
איז ווי אַ טאָג אריבער — ווי אַ פּייל פֿון בויגען.
זיי שטראָמען אַוועק, זיי ווערען אַנטשלאָפֿען.
אינדערפֿריה שפּראָצט ער, — צו אָוועגט אַנטלאָפֿען.
דו לייגסט אַוועק קעגען דיר אונזערע זינד,
אונזער פֿאַרבאָרגענהייט, — קעגען דיין פּנים געשווינדט.
אָט אַזוי געהען אַוועק אַלע אונזערע טעג,
פֿאַרענדיגען אונזערע יאָהרען, — קלייבען זיך אין וועג.
די טעג פֿון אונזערע יאָהרען זיינען זיבעציג יאָהר,
און אויב מיט גבורה, איז העכסטענס אַכציג גאָר.
שנעל ווערט עס אונטערגעהאַקט, מיר פֿליהען אַוועק,
דאָס לעבען פֿון מענשען מוז קומען צו אַ ברעג.
ווער ווייסט די קראַפֿט פֿון דיין צאָרען ?
ווער ווייסט ווען דער מענש ווערט פֿאַרלאָרען ?
אויסצוצעהלען אונזערע טעג לאָז אונז וויסען,
ס׳זאָל אונזער לעבען ניט באַנג טאָן, פֿאַרדריסען.

קעהר זיך אום, ג־ט, האָב מיטלייד מיט דיינע קנעכט,
מיר דינען דיר מיט אמת, מיר זאָלען בלייבען גערעכט.
מיט חסד באַזעטיג אונז אינדערפריה,
וועלען מיר זינגען, זיך פרעהען אָהן מיה.
דיין ווירקונג אויף דיינע קנעכט באַווייזען זאָלסטו,
דיין פּראַכט אויף זייערע קינדער ביזטו.
זאָל ג־טס פריינדליכקייט איבער אונז זיין,
די זון זאָל פאַר אונז אויך געבען אַ שיין.

ישב בסתר עליון

(אויפֿין מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל צ"א)

מיין שוץ און פֿעסטונג, — טוהט דער מענש צו ג־ט זאָגען,
וועט מיך ארויסנעהמען פֿון אלע מיינע פּלאָגען.
וואָרום רעטען וועט ער דיך פֿון פֿאַנגערס נעץ,
פֿון יעדער פּעסט, פֿון יעדען לץ.
מיט זיין פֿליגעל וועט ער דיך באַדעקען,
ער וועט דיך באַשיצען אין אַלע פֿיער עקען.
וועסט ניט שרעקען זיך פֿאַר קיינעם ביינאַכט,
די פֿייל, וועלכע פֿליהט דורך, וועט ניט האָבען קיין מאַכט.
פֿאַר'ן פּעסט, וואָס אין דער פֿינסטער טוהט געהן,
פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון בייטאָג, וועלכע ס'וועט ניט געשהן.
טויזענטער וועלען פֿאַלען ביי דיין זייט,
און צעהן טויזענטער פֿאַר מיילען די ווייט.
בלויז מיט דיין אויג וועסטו כאַפּען אַ בליק,
וועסט זעהן ווי די רשעים הענגען אויף א תליה שטריק.
ווייל מיין באַשיצער ביסטו, מיין ג־ט,
וועלכער דיין וואוינונג אין דער הויך געמאַכט האָט.
קיין בייז וועט ניט געשעהן צו דיר,
און אַ פּלאָג וועט ניט צוקומען צו דיין טיר.
זיינע מלאכים וועט ער באַפֿוילען פֿון דיינעטוועגען,
צו היטען דיך אין אַלע דיינע וועגען.
טראָגען וועלען זיי דיך אויף דיינע הענט,
ניט אָפּשלאָגען דיין פֿוס אויף שטיינערנע ווענט.
וועסט טרעטען אויף לייבען און שלאַנגען,
ניט מורא האָבען פֿאַר זיי מיט'ן האַנט צו פֿאַנגען.

ווייל ער האָט געלויבט מיין נאָמען—שטאַרקען וועל איך איהם,
וועל איהם ענטפערען, ווען ער רופט מיך מיט זיין שטים.
מיט איהם וועל איך זיין אין זיין נויט,
כ׳וועל איהם באַפרייען, — געבען צו זאַט ברויט.
מיט לאַנגע יאָהר וועל איך איהם זאַט מאַכען,
מיין הילף כ׳וועל ווייזען, — פון די שונאים וועט ער לאַכען.

מזמור שיר ליום השבת

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ב)

גוט איז צו לויבען דיך, ג?ט, — צו דיין נאָמען זינגען,
דערצעהלען דיין חסד אין פרימאָרגען — ס׳זאָל אזש קלינגען.
אויף א צעהן סטרונע אינסטרומענט און א האַרף,
אויף אַ פידעל אויסשפּילען די געדאַנקען שאַרף.
מיט דיינע מעשים האָסטו, ג־ט, דערפרעהט מיך,
באַזינגען וועל איך די באשאף פון דיינע הענט גיך.
ג־ט, ווי גרויס זיינען די טוהונגען דיינע ?
ווי טיעף זיינען דיינע געדאַנקען די פיינע ?
אַ פוסטער מענטש קען עס ניט וויסען,
און אַ נאַר קען עס ניט פאַרשטעהן, געניסען.
ווען די רשעים טוען זיך צובליהען,
האָט עס קיין ממשות, ווי אַ ווינט וועלען זיי צופליהען.
דאָס איז פאַר זייער פאַרניכטונג גאָר,
אָבער דו, ג־ט, ביזט אימער דערהויבען נאָר.
וואָרום דיינע פיינט וועלען פאַרלוירען געהן,
מיט אומרעכט טוער ועט אויך דאָס געשעהן.
מיין אויג האָט געזעהן, וועלכע אויף מיר לויערען,
וועלכע מיך שלעכטס טאָן ווילען, — וועלען ניט דויערען.
דער צדיק אָבער, בליהען ווי אַ טייטלבוים וועט,
ווי אַ צעדערבוים פון לבנון, שעהן און פעט.
געפלאַנצט אין ג־טס הויז, אין זיינע הויפען,
זיי וועלען ניט ווערען פאַרניכטעט בשום אופן.
פאַרבלייבען וועלען זיי זאַפטיג און פריש,
אויף דער עלטער פרוכטבאַר, — זיצען ביי ג־טס טיש.
צו זאָגען אַז ג־ט איז גערעכטיג,
ניטאָ אין איהם קיין אומרעכט, — ער איז מעכטיג.

ד׳ מלך גאות לבש

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ג)

ג-ט איז רעגירער, איז אָנגעקליידט אין גרויסקייט,
מיט שטאַרקייט זיך באַגורט, ער איז מיט דרייסטקייט.
באַפעסטיגט פון פאַר צייטען איז דיין טראָן,
אַ מלך מלכי המלכים פון אייביג אָן.
די טייכען האָבען אויפגעהויבען זייער קול,
די טייכען האָבען אויפגעהויבען זייער רויש מיט אַמאָל.
פון די וואַסער-כוואַליעס מיט זייער געשריי,
איז ג-ט אינ׳ם הימעל מעכטיגער פון זיי.
דיינע צייגניסע זיינען זעהר באַגלויבט,
ג-ט איז אויף אייביג — יעדער איהם לויבט.

אל נקמות ד׳

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ד)

דערהויב זיך, דו ריכטער, פון דער ערד,
באַצאָהל די גרויסהאַלטער — זייער שכל איז פון אַ פערד.
ג־ט! ווי לאַנג נאָך זיך פרעהען וועלען די רשעים?
און ריידען מיט חוצפּה, אָט די אנשי רעים?
דיין פאָלק, ג־ט, אונטערדריקען זיי,
און דיין נחלה פאַרשאַפען זיי פיין און וועה.
דעם גר און די אלמנה הרג׳נען זיי אויס,
און יתומים טויטען זיי, — זייער רציחה איז גרויס.
זיי זאָגען נאָך, אז ג־ט זעהט ניט,
און יעקב׳ס האַר פאַרשטעהט ניט.
איהר דומע פון פאָלק באַטראַכט,
איהר נאַראָנים, באַגרייפט, פון דעם ניט לאַכט.
הערט דען ניט, וועלכער אַ אויער געשאַפען האָט?
און וועלכער א אויג באַשאַפען, — איז דען ניט ג־ט?
דער פעלקער באַשטראָפער, — שטראָפען קען דען ניט?
ג־ט פאַרשטעהט דעם מענשענס געדאַנקען, — זיין געמיט.
וואויל איז דעם מענשען וואָס דו בשטראָפסט איהם, ג־ט,
און פון דיין תורה דעם קוואַל געשעפט האָט.
דאָס באַרוהיגט איהם אין דער צייט פון לייד,
ווען פאר׳ן רשע די גרוב איז אויסגעגראָבען, — דאָס איז
אַ פרייד.
ג־ט וועט ניט פארווארפען זיין פאָלק,
זיין נחלה ניט פאַרלאָזען, — וועט זיי ברייגען צו אַ טאָלק.
ווער וועט פאַר מיר איינשטעלען זיך?

און ווער וועט מיר פאַרטיידיגען פון די אומרעכט־טוער גיך ?
ווען ג־ט וואָלט מיין הילף ניט געווען,
ווייס איך ניט, וואָס ס׳וואָלט מיט מיר געשעהן.
ווען מיינע אומעטיגע געדאַנקען זיך פאַרמעהרען,
דיינע טרייסטונגען טוען זיי באַלד צושטערען.
קען זיך אירגענד חבר׳ן צו דיין טראָן ?
און אין נאָמען פון געזעץ קריכען אויבענאָן ?
אויפ׳ן צדיק טוען זיי זיך גרופירען,
אויף אומשולדיגע מענשען טוען זיי זיך אזוי פיהרען.
פאַר אַ פעסטונג איז געווען צו מיר ג־ט,
פאַר א שוץ שטיין געווען האָט.
פאַר זייער שלעכטסקייט פאַרטיליגען וועט ער זיי,
ס׳וועט זיי זיין אַז אַך און אַז וועה !

לכו נרננה לד׳

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ה)

קומט, לאָמיר זינגען צו ג־ט,
וועלכער אַלעס באַשאַפען האָט.
לאָמיר באַגעגענען זיין פנים מיט דאַנק,
שאַלען פאַר איהם מיט געזאַנג.
ווייל ג־ט איז גרויס, אייביג עקזיסטירט,
דער רעגירער איז ער, — די וועלט ער פיהרט.
זיינס איז דער ים, ער האָט איהם געמאַכט,
און זיינע הענט האָבען די טריקעניש געבראַכט.
קומט, לאָמיר זיך בוקען און קניהען פאַר ג־ט,
וועלכער די גאַנצע וועלט באַשאַפען האָט.
וואָרום ער איז אונזער ג־ט, און מיר זיין פאָלק,
ער וועט אונז ברייננגען צו אָרדענונג און צו אַ טאָלק.
אייער האַרץ ווי אין מריבה האַרט ניט מאַכט,
דאָרט, וואו אייערע עלטערען האָבען מיך צו נסיון געבראַכט.
פערציג יאָהר האָב איך געהאַסט יענעם דור,
און געזאָגט : אַז זיי זיינען אַ פאָלק וואָס בלאָנדזשעט גאָר.
ניט פאַרשטאַנען האָבען זיי מיין וועג,
וועלכען מען טאָר ניט, און וועלכען מען מעג.
ביז איך האָב אין מיין צאָרען געשוואָרען,
דאָס אין מיין רוה אָרט קומען זאָלען זיי ניט טאָרען.

שירו לד׳ שיר חדש

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ו)

זינגט צו ג־ט א נייעם געזאַנג,
זינגט צו ג־ט מיט אַ זיסען קלאַנג.
זינגט צו ג־ט, זיין נאָמען לויבט,
זינגט פון טאָג צו טאָג — זיין נאָמען דערהויבט.
זיין כבוד צווישען פעלקער דערצעהלט,
זיין וואונדער צווישען אומות ניט פאַרפעהלט.
ווייל גרויס איז ג־ט און באַריהמט,
דאָס איז פעסטגעשטעלט, באַשטימט.
אלע פעלקערס געטער געטשקעס זיינען,
אָבער ג־ט דעם הימעל געמאַכט לויטער שיינען.
פאַר איהם איז שעהנקייט און פראַכט,
פאַר זיין הייליגקייט — שטאַרקייט און מאַכט.
גיט צו ג־ט דעם כבוד פון זיין נאָמען,
מיט אַ געשאַנק אין זיינע הויפען, — ווילקאָמען.
זינגט צווישען פעלקער, ג־ט איז רעגירער,
באַפעסטיגט די וועלט — ער איז דער פיהרער.
ער וועט משפט'ן די וועלט מיט גערעכטיגקייט,
און וועט ווייזען זיין גבורה און מעכטיגקייט.
זאָלען די הימלען און ערד זיך פרעהען,
זאָל דונערען דער ים, — די כוואַליעס זיך דרעהען.
דאָס פעלד זאָל זיך פרעהען און אַלץ וואָס אויף איהם,
בוימער אין וואַלד זאָלען מיטזינגען מיט זייער שטים.
ג־ט וועט משפט'ן די וועלט מיט גערעכטיגקייט,
און פעלקער מיט גלויבען, — און מעכטיגקייט.

ד׳ מלך תגל הארץ

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטל צ״ז)

די ערד פרעהט זיך — ג־ט איז רעגירער,
ס׳פרעהען זיך די אינזלען — ער איז דער פיהרער.
וואָלקען אַרום איהם — רעכט און געזעץ ארום זיין טראָן,
אַלץ ליגט אין זיין מאַכט — ער קען אַלעס טאָהן.
אַ פייער אין פאָראויס ס׳טראָגט זיך,
ס׳פלאַקערט ארום זיינע געגנער גיך.
זיינע בליצען באַלייכטען די וועלט,
ס׳כאַפּט זיי אַזש אָן א ציטער און קעלט.
בערג ווי וואַקס ווערען צושמאָלצען פאַר ג־ט,
פאַר׳ן האַר וועלכער אַלץ באַשאַפען האָט.
דערצעהלען די הימלען זיין גערעכטיגקייט,
אלע פעלקער זעהען זיין כבוד און מעכטיגקייט.
ס׳וועלען זיך שעהמען די געצען דינער אַלע,
וועלכע באַפּוצען זי ווי א כלה.
האָט ציון עס דערהערט און זיך געפרעהט,
די טעכטער פון יהודה — מיט אַ טאַנץ זיך געגרייט.
ליבהאבער פון ג־ט האָבען פיינט שלעכטס,
פאַרהיט אַלע זיינע פרומע לינקס און רעכטס.
ליכט איז פאַר׳ן צדיק געשפּרייט,
צו דאַנקען ג־ט זייט אלע געגרייט !

שירו לד׳ שיר חדש

(אויפֿן מאָטיוו פֿון תהלים קאַפּיטעל צ״ח)

א נייעם ליד זינגט פֿאַר ג־ט,
וואָרום וואונדער געטאָן האָט.
זיין הילף האָט ג־ט באַקאַנט געמאַכט,
אַנטקעגען פֿעלקער זיין גערעכטיגקייט געבראַכט.
זיין חסד און טריישאַפֿט צו ישראל דערמאָהנט,
אַלע האָבען עס געזעהן — פֿון ווייט און נאָהענט.
שאַלט צו ג־ט די גאַנצע לאַנד,
מיט אַ געזאַנג, — ער וועט קומען צו אַ באשטאַנד.
שפּילט צו ג־ט אויף אַ פֿידעל, מיט אַ נגון זיסען,
מיט טרומייטען און א שופֿר — די וועלט זאָל וויסען.
זאָל דונערען דער ים, די וועלט מיט איהרע באַוואוינער,
טייכען זאָלען קלאַפּען אלע ווי איינער.
פֿאַר ג־ט צו משפּט׳ן איז געקומען מיט יושר,
וועט אַלעמען משפּט׳ן גלייך — סיי אָרעמאַן אָדער עושר.

ד׳ מלך ירגזו עמים

(אויפן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל צ״ט)

ס׳ציטערען פעלקער — ג־ט איז דער רעגירער,
ער זיצט אויף די כרובים — ער איז דער פיהרער.
ג־ט אין ציון איז גרויס — איבער נאַציאָנען דערהויבען,
דיין נאָמען איז הייליג — זיי וועלען דיך לויבען.
באַפעסטיגט האָסטו דעם יושר,
משפט און גערעכטיגקייט — פאר׳ן אָרימען און עושר.
משה און אהרן צווישען זיינע כהנים,
רופען צו ג־ט אויף די זעלבע אופנים.
דורך אַ וואָלקען האָט ער גערעדט צו זיי,
אָפּגעהיט זיין תורה, וועלכע געגעבען האָט זיי.
געענטפערט האָסטו זיי אונזער האַר, ג־ט,
פאַרגעבען די עברות זיי האָט.
גענומען ראַכע וועלכע האָבען זיי שלעכטס געטאָן,
געוויזען האָט ג־ט די מופתים פון אויבען אָן.
דארום לויבט ג־ט אונזער האַר,
וועט ער אייך אויסהיטען פון יעדער געפאַהר.

מזמור לתודה

(אויפין מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ק׳)

שאַלט פאַר ג־ט, די גאַנצע לאַנד,
דינט ג־ט מיט פרייד און פאַרשטאַנד.
קומט אַרויס פאַר איהם מיט געזאַנג,
דינט צו איהם מיט אַ ריינעם געדאַנק.
מיר זיינען זיינע, ער האָט אונז באַשאַפען,
מיר זיינען זיין פאָלק, ניט קיין שקלאַפען.
קומט אריין מיט דאַנק אין זיינע טויערען,
מיט לויב געזאַנג אין זיינע הויפען, מויערען.
וואָרום גוט איז ג־ט, אויף אייביג איז זיין גענאָד,
ער וועט אונז ניט לאָזען זיין נע ונד.

אשת חיל

לזכרון האשה מרים יהודית, בת ר' זלמן הלוי, מבית קאמינסקי

אשת חיל ? זאָג נאָר וואו געפינט מען זי ?
צווישען פערל, בריליאַנטען ? — אומזיסט דיין מיה.
קאָנסטו זוכען גאַנצע ברייטע וועלטען,
אָבער אזא אשת חיל געפינסטו זעלטען.

אַ אשת חיל איז נאָר אָט די פאַרשוין
וואָס איז פאַר איהר מאַן, ווי א קעניגס קרוין.
און איז איבערגעבען צו איהר הויז-געזינד —
די קעניגין פון איהר מאַן, מוטער פון איהר קינד.

מרים יהודית, מיט אַ האַרץ פון גאָלד,
א נשמה ווי פון גאָט אליין געמאָלד,
יאָ, די אשת חיל, זי לעבט ניט מעהר,
איך פאַרגיס נאָך איהר א הייסען טרער.

ת' נ' צ' ב' ה'

צבי הירש בלומענפעלד

לזכר עולם

האשה מרת גיטל בת ר' דוד, מבית קאטלער

ווי האָט די זון געשיינט אזוי שעהן,
ווי א פריהלינג זיסער צויבער,
ווען קינדער זיינען געווען קליין,
געפיהרט אזוי ריין און זויבער.

האָט די מאַמע גיטעל איינגעפלאַנצט
אין די הערצעלאך, ווי גינגאָלד ריין,
זיטען-לעהרע, וואָס שיינט און גלאַנצט
מיט ציון'ס גייסט, זאָ הערליך שעהן.

דער שעהנער איד אויף גאָט'ס וועלט,
לואים קאטלער, וואָס וועקט און רופט,
פאר ציון האָט ער זיך איינגעשטעלט,
איז אָנגעזאָפט מיט ציון'ס לופט.

ווי א ווייַנשטאָק טהוט ער גרינען,
זינגט חזנות, געלערענט תורה,
און טהוט געלוסטיגקייט געפינען,
אין זיין מאַמעס אַלטע סחורה.

ת' נ' צ' ב' ה'

צבי הירש בלומענפעלד
(א פריינד פון זיינע פריינד)

In Memory of Our Beloved Parents

SIMON & REBECCA JOFFE

Baltimore, Md.

In Memory of Our Beloved Parents

SIMON & CHANE HENNE MEDLINSKY

Worcester, Mass.

In Memory of Our Beloved Mother

SARAH PEARL YOLLES

(Died May 8th, 1937)

כ"ז אייר, תרצ"ז

New York, N. Y.

האשה שרה בת ר' שלמה חיים הלוי

נפטרה ט' ניסן, תש"ד.

(טאראנטא)

In Memory of Our Beloved Parents

JACOB YAFFE

(Died March 1929)

MARY YAFFE

(Died March 1931)

Ben, Philip & Rebecca Yaffe

ואלה יעמדו על הברכה

IN GRATITUDE

הש"ץ המפורסם ר' משה אוישער

הש"ץ המפורסם ר' שמואל וויגאדע

הש"ץ המפורסם ר' לייב לאנגע

הש"ץ המפורסם פינטשיק

הש"ץ המפורסם ר' בן ציון קאפאוו-קאגאן

הש"ץ המפורסם ר' מענדעלע שפירא

הש"ץ המפורסם ר' אליעזר נוביק (ושינגטון הבירה)

הש"ץ המפורסם ר' אפרים שלעפאק (מאָנטרעאָל)

הש"ץ ר' מנחם רעזניק (מאָנטרעאָל)

הש"ץ ר' נפתלי יאללעם הכהן (ניו-יארק)

הסופר המשכיל דר. שניצער (ניו יארק)

הרב ר' שמואל יאלאוו (סיראקיוז)

יוסף בר' אליהו האפמאן (בעלמאר)

הרב ר' אברהם צמח סאלאמאן (ראטשעסטער)

ר' אהרן בר' אברהם דוד הלוי ווייזער (ניו יארק)

ר' חיים מרדכי טאוב וזוגתו יוכבד (קיגסטאן)

רעוו. ר 'יעקב קרייסטמאן וזוגתו (באלטימאר)

הסופר המשכיל ר' צבי הירש בלומענפעלד (מעמפיס)

מרת שרה לאה ראבינסאן (קאליפאָרניע)

החתן ר' טוביה מינשטיין (ניו יאָרק)

הרב ר' דוד בערענט (לואיסטאן)

החתן יעקב מרדכי גאטליעב (ניו -יארק)

החתן ר' אליהו אלטער גאטליעב (ניו יארק)

רעוו .נחמן רעזניק (מאָנטרעאל)

רעוו. אברהם זינגער ורעיתו (באלטימאר)

הש"ץ ושו"ב ר' משה אהרן ווילנער וזוגתו (וואוסטער)

הכנסת אורחים אָוו טרענטאן (ניו דזיורזי)

ר 'שמעון ליטאוויץ

ר' דן קיפערמאן

המשכיל ר' חיים נאכומאווסקי (ניו יארק)

המשכיל ר' דוד אלטפילד (סיראקיוז)

הרב פראפעסאר ר' ישראל אייזערמאן מפריז הבירה (צרפתית)

BELMAR, N. J.

Cong. Sons of Israel
Mr. & Mrs. I. Kristman

BROOKLYN, N. Y.

Rev. Simon Bolstein
Mr. & Mrs. Joseph Zelner

BLOEMFONTEIN, SO. AFRICA

Mr. & Mrs. Zalmen Wasserman
Mr. & Mrs. Michael Wasserman

Mr. & Mrs. Israel Wasserman
Mr. & Mrs. Joseph Wasserman

BALTIMORE, MD.

Congregation Beth-Tfila
Congregation Shaarei Zion
Congregation Agudath Achim Anshei Sfard
Rev. A. Selsky
Rev. S. Greenberg
Rev. A. Weisgall
Rev. M. Kotlowitz
Rev. H. Lipsikos
Mr. and Mrs. Isaac Shapiro
Rabbi Dr. Samuel Rosenblatt
Rabbi Dr. N. Draizin
Rabbi A. Koblentz

CLEVELAND, OHIO

Rev. Adler
Rev. Amsel
Rev. Kahanowitch
Rev. Cohen
Rev. Podetsky
Rev. Maisel
Rev. Klinkowsky
Mr. & Mrs. Dan Weiss
Rev. Blachman
Rev. Schoen
Rev. Herzog
Cleveland Jewish Center
Kinsman Jewish Center
Rabbi M. Eckstein
Rabbi D. Genuth
Rev. M. Noti
Rev. K. Spivack
Rev. A. Kantor

DAYTON, OHIO

Major Ralph Canter
Seargant Max Canter

HARRISBURG, PA.

Mr. & Mrs. Aaron Feinerman
Mr. & Mrs. Robert Bogatz

MEMPHIS, TENN.

Mr. A. Kaminsky
Rev. A. Levin
Mr. H. Levenson
Mr. L. Kotler
Mr. Joe Shankman
Mr. Wm. Hirsch
Mrs. D. Blumenfeld
Mr. H. Aron
Rev. M. Turetzky
Mr. M. Markowsky
Mr. A. Dubrowner

MALDEN, MASS.

Malden Knitting Mills
Feuerstein Family

NEW JERSEY

Rabbi S. Gewirtz (Bradley Beach, N. J.)
Mr. Hillel Ash (Bradley Beach, N. J.)
Mr. & Mrs. S. Zager (Bradley Beach, N. J.)

Cong. Agudath Achim (Bradley Beach, N. J.)
Mrs. Hannah Winetsky (Linden)
Rev. Aaron Goldfinger (Hillside, N. J.)
Rev. Louis Elias Leibson (Jersey City)

NEW YORK

Mrs. Brand
Mr. & Mrs. Hyman Jaffe
Mr. & Mrs. Ab. Derman
Mr. & Mrs. G. Epstein
Rev. & Mrs. Jacob Breitman
Rev. Isaac Wurf
Rev. Cantor L. Markman
Mr. & Mrs. Mendel Ackerman
Mr. M. Sheff and Sons
United Orthodox Cantors and Ministers Ass'n of America
Temple Emanuel
Jewish Ministers & Cantors Ass'n of America & Canada
Mr. and Mrs. Wm. Kaplan
Pfc. Joseph G. Haber
Pvt. Bernard Milton Markowitz
Mr. S. Binn
Mr. J. Hochman
Rabbi & Mrs. M. Rappaport
Dr. William Hitzig
Rev. M. Brown (Hudson, N. Y.)
Rev. Moses J. Braude (Syracuse)
Mr. Max Toabe (Kingston)
Mrs. Block (Buffalo)
Mr. D. Altfield (Syracuse)

PALESTINE

Mr. & Mrs. B. Porecki
Mr. & Mrs. J. Parecki
Mr. & Mrs. J. Pareski
Mr. & Mrs. M. Jaffe

PHILADELPHIA, PA.

Mr. & Mrs. J. M. Wainer
Mr. & Mrs. N. A. Kahn
Mr. & Mrs. J. J. Strauss
Mr. & Mrs. I. Strauss
Dr. Brnard L. Kahn
Mrs. D. Strauss
Mrs. Chave Greenbaum
Rev. Gedaliah Scheinfeld

TEXAS

Dr. & Mrs. Leo Mazow (Houston)
Mr. Samuel Mazow (Houston)
Mr. & Mrs. Israel and sticy Lewin (San Antonio)

WASHINGTON, D. C.

Mr. Nathan Kricheff
Mrs. Miriam Kricheff
Mrs. Sophia Kricheff
Mr. Mark Kricheff
Rev. Louis Novick
Mrs. G. Rose
Mr. Moses Allex
Adas Israel Synagogue

WORCESTER, MASS.

Mr. & Mrs. Harry Medlinsky
Medlinsky Family
Rev. S. Oppenheim (Worcester, Mass.)

Mr. Solomon I. Citron (Boston)
Mr. William Block (Wilmington)
Bettinger Trunk Co. (Kansas City)
Mr. & Mrs. Wm. Harris (Milford)
Dr. Eliah Kaplan (New Castle, Pa.)
Mr. Jacob Gelphand (Los Angeles)
Mr. Straier (Bangor, Maine)
Mr. Harris Goldberg (Hartford)
Mr. & Mrs. David Heiman (Poughkeepsie)
Rev. A. J. Rose (Jamaica)
Rabbi Prof. Israel Eiserman (Paris, France)
J. Yaffe and Sons (Toronto)
Cong. Shaarei Shomaim (Montreal)
Mr. & Mrs. E. Berezowski (Capetown, So. Africa)
Mrs. Chave Wasserman & Family (Bloemfantein, So. Afr.)
Mr. & Mrs. S. Berezowski (Johannesburg, S. Africa)